STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02415

LAND UN LIBSHAFT

Ezra Fininberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עזרא פינינבערג

לאנד און ליבשאפט

לידער

(1925 — 1927)

צענטרפֿאַרלאַג
מאָסקווע — 1928

КНИЖНАЯ ФАБРИКА
ЦЕНТРАЛЬНОГО
ИЗДАТЕЛЬСТВА
НАРОДОВ СССР
МОСКВА, ШЛЮЗОВАЯ
НАБЕРЕЖНАЯ, 10

Главлит 99.821
Тираж 2.000 экз.

389

געשענקט
גאַרי פײַנבערגן

I

אין די טיפן פון די זומערס טאנצן קאראהאָדן.
לאָמיר לויפן, לאָמיר נאכלויפן נאָך אָט דעם פאָדעם.
זאָל ער שלעפן, זאָל ער ציען, זאָל ער אונז פאַרציען:
העט באַ טייך און העט אַף לאָנקע פאַרטיקט מען די פריען.
העט באַ טייך און העט אף לאָנקע און מיט סימכע אָנגעלאָדן
אין די טיפן פון די זומערס טאַנצן קאראהאדן.

אין די טיפן פון די זומערס פאַלט אַראָפּ מאטאָנע:
ליד און הימל, ווייַן און מיידל, זון און האָניק.
לויף-זשע, יאָג-זשע, לאָמיר קלאָרן פאָדעם כאַפן:
אויסגעדאָרשט און אויסגעהונגערט דורכגעטרייסלטער שווארצאפל
און אין גערטנער נאכן הודען, פארן הודען פון קאנאָנע
אין די טיפן פון די זומערס — ווייַן און זון און האָניק.

אין די טיפן פון די זומערס שיינט אַזוי די מדינע.
דאָך קיין צווייטע ניט צו זוכן. דאָך קיין צווייטע ניט געפינען.
אונזער ווייטעק איז פאַרזייט דאָ און ס'מוז אויפגיין אונזער
פרייד דאָ.
יאָג-זשע, לאָמירביידע נאָכן פאָדעם לויפן, מיידל:
איבער פעלדער, איבער ריוון, איבער העמדל ווייסן, דינעם
אין די טיפן פון די זומערס שיינט אזוי די מדינע!

ווייל זי אוועקפליען — כאַפּ איך באַ הענטלעך זי אָן:
— פליִ ניט, דו ווילדע, פליִ ניט!
ס'האָט שוין געוויכערט באַם ברעג האָריזאָנט
און היינט איז א טאָג באַ דעם טייך אין דער מדינע.

האָסט מיט מיר זיך געפּלאָנטעט, האָסט מיט מיר זיך געקנוילט
און מיר האָבן געפרייט זיך אף שפּיזן אף שאַרפע.
עפשער געווען איז אונז שוידערלעך - וואויל, —
היינט איז א זומער באַם טייך — און מע דאַרף ניט.

רוסט דאָך מיט מיר אַפן זאמד אין א זוניקער מיט
און כ'זע דורך דיר טייכ'ס בליציקן טאָל-גאַנג,
דערפער און שטעט אינם היינטיקן צוויט
אַרום דניעפּער-טייך, מאָסקווע-טייך, וואלגע.

דאָס איז דאָך פון טכילעס די זון און אָט-דאָ,
אין געוואַרעמטן, שטענדיק-לעבעדיקן פריי-זיין,
פון א קרייז אין אַ קרייז, אין א טאָג נאָך א טאָג,
פון א טייך צו א טייך אונזער רייזע.

געליבט און געריממט זיינען טייכן פון לאַנד,
און מיר פראוועט דעם לוסטיקן זומער פון האיאָר.
וואוהין דו באַגערסט און וואוהין ביסט אימשטאַנד
שפּעטער ערשט פליען מיר, פרייע!..

באַטאָג איז. און ווינטל די כוואַליעכלעך טרייבט.
צעשיינט אַלע טייכן אַף לאַנדעשן שעטען.
ווילדע, צעשויבערטע, משוגענע, ווייב,
נאָכאמאָל פליען מיר שפּעטער!..

אַזאַ ליבשאַפט, פֿאָטערלאַנד!

איך פֿאַל פֿון די צווייגן,
וואָס בויערן אוונט,
און לאָז זיך אין מאָרגן אין פֿרישן פֿארבייגיין
מיט גאָרניט ניט האָבן,
און ס'טאַנצן די פּיס בא די מיידלעך אַף שטיינער
און ס'טייטן די ווייזערס אַף צייט בא די גאָרנס,
און ווער מיט מיר? קיינער.
און וואָס מיט מיר? גאָרניט.

דיין נאַקעטער אָטעם
אַף מיין פּלוצלינדיק פֿאַלן
צעכיינט און צעשאָטנט
אין מיר און אין אַלע.
און מיינע אויגן און מיינע אָדערן,
אויפֿגעריסענע אין פֿרי,
ציען און מאָנען, שלעפּן און פֿאָדערן,
אין כידעש צעפּראַלטן מורמלען: הי!

אַזאַ ליבשאַפט, פֿאָטערלאַנד!

איך באַטראַכט די פּיס, וואָס האָבן געריסן זיך,
געוואַלט זיך אָפּקייטלען, געבן א שפּאַן
צו די וויסטענישן, וועלכע גיסן זיך
בא דיינע ברעגן, פּאָטערלאַנד.

אף צווייגן אַף שאַרפע, אף טאַנעבוים העכערן
אַרויפגעבליצט, אַרויפגעשיקט
הוילן בלאָוון אוונט לעכערן
מיט איינגעשפּאַרטן, הייסן בליק:

— היי, אַף געשטערנטע שטעגלעך,
היי, אין הימלשע סטעזשן,
היי, איז עפּעס דאָרט מעגלעך,
עפּעס צו טרעפן ?..

און אין פרימאָרגן אין פרישן, נייעם
גאַס געפּלאַסטערט מיט לייבער ציט
און איינמאָל און צווײמאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל,
דריי מאָל און אַלע מאָל: היי!

אַזאַ ליבשאַפט, פּאָטערלאַנד!

סע גייט היינט א כוידעש.
סע גייט היינט א יאָר,
פון גייען אַזוי דא
מיט זיך און מיט גאָר.

פון טאַנענבוים העכערן, —
אַזוי וואויל, אַזוי פיין

ציטערט דאָס בעכערל,
ציטערט דער ווײַן.

סע שפּאַנט מיט מיר יעדער
אַף פעלד אונטער לוואָנע
און ס'רודערן רעדער
און ס'הילכט א קאַנאָנע.

מיט האַמערס, מיט סערפּן,
מיט פלאַם-רויטע פאָנען
און מײַן נאַקעטער קערפּער
געשמידט צו קאַנאָנע.

די מאכנעס אין קריג און דאָס פּאָנעם איז אָפן
און דאָס הארץ איז דאָס הארץ פון ניט-שולדיקער פּי
און פון מיזרעך ביז מאירעוו, פון דאָרעם ביז צאָפן,
פון ערד ביזן הימל: הי!

אזא ליבשאַפט, פאָטערלאנד!

ליוואדיע

ווייטן סאַמעטן צעבליט אַף גערטנער גרינע.
ס׳פליט די כוואַליע, ס׳פליט און קלינגט די כוואַליע.
כ׳ליג באַם דאָרעם-זוים פון ראַטן-מדינע.
כ׳ליג באַם קייסערס מירמל-פּאַלאַץ.

ס׳האָט אַ קאַיאָר געשאָנקן מילדן בלוי מיר,
כ׳בין לאַנג געגאַן מיט ברעגן אָנגעגליטע.
אין גאָרטן כ׳רו. אַף קיפּאַריסן — בוימער,
אַף קייסערס מירמלשטיין — די זון פון מיט-טאָג.

מיין פוס מיין באָרוועסן די ווילדע שוימען לעקן.
סע שלעפערט זון מיט זשומעריי פון בינען.
כ׳שלאָף אָפּ אַ שאָ, כ׳וואַך אויף: אַף גרויסער שטרעקע
צוקאַפּנס מיר — די ראַטן-מדינע.

אירן קוואלן מוירדישע זעט ס׳אויג פון דיכטער,
שווינדלען דעמבן קרעפטיקע אין וועלדער הייסע.
האָסטו געזעען זיי, די געסט, די אומגעריכטע,
אַמאָל אין כאָלעם דיינעם, קייסער?

אַז אַרומגעגאַנגען ביסט אין א קאיאָר דאָ,
אף פלאַטערדיקן יאם געקוקט פון דאנען —
האָסטו געהערט, געהערט דאָס הילכן פון די אָרדעס,
וואָס גיין אַף קאָפּ דיינעם, ראָמאנאָוו?..

כ׳שלאָף אָפּ א שאָ, די פלינקע שוימען פליסן.
כ׳וואך אויף און כ׳שפיר מיט אָנגעברענטן זינען:
אַף גרויסער שטרעקע לויפט די זאפט, די זיסע,
די לעבעדיקע זאפט פון ראטן-מדינע.

בא יאַם, בא מירמלשטיין ביז אפּדערנאכט פאַרבלייב איך.
אַז כ׳גיי אוועק, צעכאָלעמט זיך מיין פיבער:
אַף גרויסער שטרעקע — בעכערס זאַפט די אויפגעבליטע לייבער
און זאפט איז גייסט, גייסט פליסט אַריבער...

איז וואָס געדענקט די יונגקייט מיינע, וואָס?
אין ווינטער-פעלד, אין פייער-גלי פון פראָסט
אקעגן צוג מעשוגענעם א יאגנדיקער האָז,
א האז א טויט-דערשראָקענער מיט אָנגעשפּיזטע אויערן.

מיין אויג איז גרויזאם-מיד, ס'איז גיפטיק-זיס
דאָס טריפעניש פון בלוט אין אָנגעבלייטע פיס,
און צוג אף האָז אנטרונענעם אלץ שיסט און שיסט,
ביז ווייסער אוונט פאלט אין פעלד אין אומגעהויערן.

דאן קומט צו כאָלעם זון צו אויג צו מאַטס,
און דאן פאַרציט א ליד דער שיקערער סאָלדאט,
דאַן אין דער נאכט די קווייט די ווייטע לאדט
צו טאַינעג איין, צו טאַינעג-אומקום באלדיקן.

און גרויס די נאכט, און ס׳קלינגט די נאכט מיט שניי.
ס׳גייט אויף א זון אַ ריזיקע אף אָנגעגליטן ווײַ,
און דאן ביז קאלטן נעפּל-פּרי — געשריי,
ביז נעפּל-פּרי דער יאמער נאָך פארגוואלדיקונג.

אין ס׳בליט די קווייט אין ווייט מיט וואונדער-בלי,
און מיר וואשן זיך מיט שניי אין קרירע-פּרי,
מיט שניי, בא צוגן, אלע, און אויך זי,
אַלע, אַלע אינם פלי פארברודערטע.

און גרויס דאָס פעלד און איבער דערפל נאָנטס,
אין מיטן פעלד צעפאכעט איז א פאן.
ווען צווייטער אָוונט פאלט — מיר קומען אַלע אָן
דורך בערגלעך טונקעלע צו שטאָט צערודערטער...

היינט איז די יונגקייט מיינע יונג באנייס.
זי רעדט מיט אלע ברייטן: — לאנד מיינס, שפּייז
דעם מוט אין בלוט מיינעם, דעם פרישן דרייסט,
דעם גלוסט דעם הייליקן נאָך ווײַ פארשוואונדענעם.

און די קווייט די יונגקייט מיינע לאקט,
און צו קווייט די יונגקייט מיינע יאגט,
און לעבן וועט זי נאך א גוטן טאָג,
א גוטן טאָג מיט לאנד מיט אגגעצונדענעם!

סע ווערט ניט נימעס און סע ווערט ניט שווער
טויזנט מאל ארומגייען ארום אן ערד.
אַף די העלע פעלדער אין א פרי
לאָזט זיך שפירן אימפעטיקער כאיע-גלי.
אין קאיאָר אף טוואָרע רייפער שפרינגט באגילדט
פלינקע, שמייכלענדיקע מענטשן-שפיל.
איז אין מאָרגן-בליצלעך אָנגעהויבן ווערט
טויזנט-איינסטער גאנג אַרום אן ערד.

עך, דו פרישער טויזנט-איינסטער גאנג!
ס'טראָגט אן אנהויב טאָג דיך מיט דער גיכער באן.
ס'ווארט די גרויסע שפיל אין אום און גראָד.
וועלכע, וועלכע אינם אָוונט אין דער שטאָט
שלעפן וועט אין פריילעכן באגער
טויזנט-איינסטן גאנג ארום אַן ערד?

אין א פעלד צעווישן פלאָנטער-שטעט
האָט זיך אויסגעצויגן רוען דער פאָעט,
און דער טאָג אין וואַרעם וואקסט ארויס
און פון פלאָנטער-שטעט גייט ווייטער רויש,
און מיט גארע ברייטן האָט ער זיך צערעדט,
אין א פעלד אין מיטן זומעד, דער פאָעט:
— לאנד און ליבשאפט, ווארעמט, נערט
טויזנט-איינסטן גאנג ארום אן ערד!..

389—2*

די צייט אין שטאָט געשטילט, בלויז מורמלדיק צעלאָפּן.
דאָס אויג צעשווינדלט איז אין יאָגעניש פון טעג.
נאָר איך געדענק: בא מיליאָנען גליענדיקע פּערעקאָפּן
מיט מיליאָנען רויטע האָסטו לעבן דיינס אוועקגעלייגט.

און אויב איך קוק און אויב איך וואַרט אַף גרוסן
און אויב איך גלויב, אַז אויג וועט ווערן פריי —
ביסט דו דאָך עס, בלויז דו, אַנטלאָפענע מאַרוסיאַ,
ביסט דו דאָך עס מיט מיר אין איינציקן געביי.

באַ יאַר אין פעלד קיין פייער און קיין שליאַך ניט.
שוין אויפגעגעסן אויגן דיינע האָט די רו.
נאָר טיף באנאכט פאַרלאָזטו אינם יאר די מאַכנע
און קומסט צופליִען אַף אויסבויען מיט מיר די שטוב.

א דאַך פאַר הויכער שטוב שווימט-צו, שווימט-צו שוין
און סלופּ נאָך סלופּ פון הוילע וייטן ציט.
אין מיט פון צייט מיינער פליסטו אריין, מאַרוסיאַ,
און ס׳וואַקסט א שוועל אקעגן אַלע פרי...

כאָטש כ׳ווייס, אז ס׳כאָלעמט זיך, כאָטש כ׳ווייס, אז ס׳האָט געטראָפן:
באַ יאַר אין פעלד קיין פייער און קיין שטעג.
באַ מיליאָנען רויטע, גליענדיקע פּערעקאָפּן
מיט מיליאָנען רויטע האָסטו לעבן דיינס אוועקגעלייגט.

צו די פּריערדיקע קניען זיך דערקייקלט.
צו אַמאָליק זייד זיך צוגעטוליעט.
שפּרינגט אַרויף מיין סימכעדיקע פרייקייט.
שלאָגט אַרוף מיט אויפרייסן מיט דולע.

— אין די טיפן האָט מיין שפּאַן געיאמערט.
זעסטו אויגן מיינע אויסגעפּרואווטע ?
פּריערדיקע, איינע מיינע, טאָמער,
טאָמער דאַרף מען פּאָרט נאָך עפּעס אופטון ?

טאָמער דאַרף מען פייער-פּלאם צעבלאָזן,
אַכטונג געבן ס׳זאָל דער שוים אַ ברויז טאָן,
טאָמער דאַרף מיין איינגעשפּאַרטע האָזע
דוכשלאָגן א גאַס דיר מיט די פויסטן ?

•

טאָמער דאַרף מען זעען ניט פֿאַרלירן,
אומטראָגן געלאַסענער די שליטע,
טאָמער דאַרף מען אויסבויען א דירע
אין די שטעט אין סאַמע אינדערמיטן?

טאָמער דאַרף מען ווארטן ביזקל גראדע
ס׳וועט א שלעפּ טאָן שטורעם האַרץ דיינס, האַרץ מיינס
אף ארוף אף הויכער באריקאַדע,
אַף אוועק אַזוי, ווי אָשער שווארצמאן?

פֿריערדיקע, דאָך א צייט, אז כ׳טרעף שוין
רינגלעך מיינע קלינגען אין דערלופטן.
פֿריערדיקע, איינע מיינע, עפּשער,
עפּשער דאַרף מען פֿאָרט נאָך עפּעס אופטאָן?

אין שאָ אין שטאָטישער, אין שאָ פון אויפגיין אף געלעגערס
א שליטן פליט אַרויס און שטייט מיט אונז אַ רעגע
אקעגן ברייטער היים, אקעגן מילדער שוץ,
אקעגן פעלד, וואָס האָט אונז אנגעוואונשן אַלדעס גוטס.

אונז פרענטעט אויף די היים דאָס אויג דאָס זינדיק-בלינדע
און פלינקער, קלינגענדיקער שליטן זיך צוריק צעשווינדלט.
פאַרהיט, אוי, ניט צעשיט דעם בליענדיקן מוט
פון פעלד, וואָס האָט אונז אָנגעוואונשן אלדעס גוטס!

און גיין מיר אף געלעגערס אויף—די זינד פון פלוידער
פאַרגייט אין פלאַטער-קוש, פאַרגייט אין לויכטענדיקן שוידער.
מאָרגן ווער נאָך, וואָס נאָך ווײ אונז טוט,
אז ס'האָט די וואונדער-היים אונז אנגעוואונשן אלדעס גוטס?!

זיילן-לויף און בוימער-נויג און פעלדער-שווינדל.
האָט זי פריילעך אויפגעוואַכט אין פרי אין לינדן.
איז זי זיך צעלאָפן, ליכטיקסטע פון אינדן,
לעבעדיקער, לעבעדיקער אף די שנייען.

הייס מיין שטערן, קרירעדיק די טאָפליע.
אָט איז זי צעשפרונגען אין גאַלאָפּ זיך,
אָט גיט זי אַ פלי, א שאָקל מיטן קאָפּ מיר,
גארט מיט ליכט פון אויגן מיך דערפרייען.

אין די וועלדער, וואו א פלאָנט דאָרט, וואו אַן עק דאָרט
שפרינגט זי אום און קלינגט און הילכט און וועקט דאָרט.
— טעג פאַרשייטע מיינע, ריינע וייטן מיינע, שיינענדיקע שטרעקע !
קוואַלן קוועלנדיקע אונטער שווערע פוסטן !..

בּאַ אַן אויסלאָז פֿון אַ װעלדל, בּאַ אַ טאַנען-װינקל
מיט איר לײב דעם װײבּערשן גיט זי אַ פֿינקל:
— אינגל, װאָס האָסטו דעם קאָפּ פֿאַרלױרן, אינגל?..
און די אױגן אירע בּרענען לוסטיק.

פֿלאַם—מײן שטערן, אײַז—די װינטער-פֿלאַנצן.
אינם גרױסן פֿעלד אַ טאָג א גאַנצן
װעט זי יאָגן, װעט זי פֿליען, װעט זי טאַנצן,
װעלן שװינדלען װילדע אױגן אירע.

װען סע צינדט דער מאירעװ דעם פֿאַרנאַכט אָן —
אין געלױף אַ רעגע װעט זי זיך פֿאַרטראַכטן
און א װאָרף צום װײטסטן, שטילסטן שליאַך טאָן
גלעקלעך, גלעקלעך, גלעקעלעך אין קרירע.

ווייל דאָס לייב פון פאַרנאַכט, ווי דאָס לייב פון דער פרוי,
ווי די דינע, די זיידענע טירן,
וואָס גאַרן אַזוי צו דערשלינגען דעם טוי
און געבירן —

דעריבער שיינט שוים אפן שקיעשן פלאַץ
און סע שווינדלט דאָס האַרץ און סע רוישן געהירן
און סע שרייט אין פאַרנאַכטיקן הויל: ס'האָט געפלאַצט
די ראָד פון נעזירעס!..

אף אספאַלטענע סודעס ארומשפאַנען שטייף,
אף צעקלונגענע ווינקלען צו שפירן און שפירן,
ווי סע שלעפט מיט אַן אויג, ווי סע רייסט מיט אַ פייף
אף געבירן!

נאַנא מיך ציט, נאַנא מיך שלעפּט,
נאנא פאַרשלעפן וויל מיך
דורך קויטיקייט אף ווייסע טרעפ
צו גרויסער קינאָ-פילמע.

נאַכט האָט זיך מיט דיין לייב צעבליט.
אוואדע כ׳גיי, אַוואַדע,
באַוואונדערן ווי׳אַזוי סע פליט
דער גאַנעוו דער באגדאדער.

דו האָסט זיך היינט מיט מיר צעשפּילט.
גייך זען מיין בלוט-בעהאלע,
מיין וואונדער-דאָר — א טריוקן-בילד
„טראַגעדיע פון טריפּאָליע".

כ׳בין אונטערטעניק, שטיל און וואויל,
כ׳גאַר ליפן דיינע זיסטע,
כ׳האָב ליב דיין מויעכל, דיין הוילס,
וויכלייביקע ארטיסטין.

אין פינסטער קוש איך דיינע האָר.
נאנא, ווי גוט איך פיל מיך:
סע לויכט באגדאד, סע ראַשט מיין דאר,
מיין דאָר אין קינאָ-פילמע.

און כ׳פיר דיך אָפּ אהיים: — דו האָרכסט?
נאנאַ, בלייב שטיין, פאַרנעם עס:
אין הויל פון מיטנאַכט-שטאט מיין דאָר,
ער ראַשט דאָך אינדערעמעס!

נאנא, דו הערסט עס ניט? אָ, וואַרט,
דעם אויער נויג צו דרערד צו:
ראַש גייט פון פעלד אף טראָטואַר
אף אונז, אף אונז, אהערצו!..

זי לאַכט, נאַנא, ווי פריש זי לאַכט.
— נאנא, ער ראשט, ער פלאַטערט!..
ביז מיט א טראַך ווערט צוגעמאַכט
די טיר פונם טעאַטער.

פארבלייב איך אין דער נאכט צעגליט,
פאַרבלייב מיט פייער-זינען
ארומשפּאַנען אין שטאָט ביז פרי
ביז אויפשטראַל פון באַגינען.

איך פלאָנטע זיך אין נאַכט פון מאי,
בא ציגל, פענסטער-שפּיגל,
ביז איך דערהער אַ פּאָכעריי,
א פּאַטשעריי פון פליגל.

כ׳ווייע פענדל רויטס אין נאכט פון מאי
און כ׳שטיי דעם קאָפּ געבויגן.
און ס׳ציט, און ס׳פליט, און ס׳יאָגט פאַרביי,
פאַרביי — א ריז, א פויגל.

און מיטאַמאָל דערהער איך טריט.
דורך פּלאַץ, אײן מיט אײן סאַמע,
גײט צװישן נאַכט און צװישן פרי
א יונג, װאָס טראָגט א האַמער.

נאַנאַ, אף שטאָטפּלאַץ-מיט װערט פרי,
די מיזרעך-ברעגן פלאַמען.
נאנא, אף שטאָטפלאַץ-מיט איך קני
פאר יונג, װאָס טראָגט דעם האַמער!

נאנא איז אָף פּיסלעך אָף פלינקע צושפּרינגען געקומען.
האָט פּליעסקען גענומען בּאַ טישן געגרייטע דער אוילעם.
האָט מען די טישן צענומען — און ס'האָט זיך צערעדלט די טומע.
געוויינט האָט מיין שיקערער שאָכן: אוי, זע, ס'אַראַ וואוילע...

נאנא האָט געשליידערט דעם גוף און מיר האָבּן געזינגען
און מיר האָבּן געהייסן אין אויגן די גלוסטיקע קוילעכלעך גליען
און מיר האָבּן געשאָטן אָף לייבּ אירן גילדענע רינגען
בּיז נעפּל פון פּרי אין דער בּלאָטיקער שטאָט, בּיז שאַריען.

האָט איינער פאַרשלעפּט זי. אין וואַקל, אין דרימל, אין מוירע,
אין מידן אהיימגאַנג מיר האָבּן געצויגן די לייבּער
און ס'האָט זיך געדאַכט, אז דער נעפּל נאנאַן האָט געבּוירן
נאַנאַן און דעם מאָלצייט און אונז און דעם אנפלוס פון טאיווע.

מיין שיקערער שאָכן, דער דיכטער, וואָס וויל זיך נישט היילן,
האָט אין שלאָף פון פרימאָרגן געשריגן: — אוי וואוילע, אוי
ליבע —
און געזועען נאַנאַן, די געליבטע נאַנאַן — א נעווײלע,
אויסער די שטעט אין די הינטישע ריוון.

איך בין שוין ניכטער געווען און מיט טראט מיט פאַרשייטן,
מיט געזאַנג בין געגאַן קעגן קלונגען פון ערשטע טראַמוואַיען,
מיט פריילעכן האַרץ כ'האָב געוויטעט דאָס קומען-צורייטן
פון זוניקן יונג מיינעם, טאָג מיינעם נייעם.

וואָס דאַרף איך נאַנאַן און ווער איז און וואָס איז זי
אז ווי נעפּל צעגייט זיך די זומפּיקע געגנט,
אז זוניקן יונג מיינעם רופן די פלאַמיקע ריזן
מיטגייען אויסשפּילן הייסטע געשלעגן?

לעבעדיקע טעג די ווייסע ברוסט פֿאַרברייטערן
אוי, דינע רינוולעך מיט מעכאַיעדיקן זאַפּט!
אין שטאָט אין בלאָטיקער איז אויפגעגאַן די זיסע גייטאָרן
און אף מעסלעסן בראנפעגדיקע שאפּט.

כאלומעס טרייסלט אויף דאָס טויג דאָס וויייניקע,
און אין דער שמוץ־שטאָט אלע זייגערס שטיין.
און ס׳טופּעט יאָגעניש אף פּאַקן זי, אף פּייניקן,
אף איינבייסן ביז בלוט די כאיע־ציין.

און אין די הוילע אָוונטן, די העט — ארויפגעטראָגענע,
אין ראָד פון מייקעכץ, אין דער נעץ פון שטויב,
מיט גרויסע פויסטן, שאַרפע נעגל טשערדעס שלאָגן זיך
פּאַר ווייסן בעט, פּאַר פעטער רויב.

און איך קום אויך צו נאכט דורך לייכטן לייטער אָן
און שפּרייט די הענט מיינע און פֿאַל אין ראד:
— אוי, מויד ווייסהויטיקע, אוי זיסע, הייסע נייטאָרן
געבויר, געבויר פון מיר דעם וולאד!

איך לייג מיין בלאַנקעניש צופוסנס דיר, אָ קעניגן,
דאָס קינד אַרויסגיין זאָל פון פייערדיקער נאַכט,
און זאָל עס אונטערטעניק זיין, און זאָל עס ווידערשפּעניקן
מיט ברעקלעך פון מיין ווילדן מאַרך!..

בא שוועל, נאָך קנוילן-פּלי, איך ווער א קליין טרומייטערל
און שאַל אַקעגן פרי אין שטאָט אף זומפּ:
— ס׳כראפּען קעפּ פאַרמאַטערטע אף ברוסט פון זיסער נייטאָרן, —
יורעש מיינער ריינער, זוניק קום!..

ש ט ײ ג ע ר

Володиміру Сосюрі.

די יונגע פּױערטע האָט געבױרן אים צװײ קינדער שױן...
ער זעצט זיך אַף בולװאַרן צו אין טעג פֿון מאַי,
פּאַר באַק נטע און פּאַר אומבאַקאַנטע לײענט ער לידער װעגן
אינדיען
און בעט דערנאָך מ׳זאָל לײען אים צען קאָפּקעס אַף טראַמװאַי.

ער איז געװען אַמאָל אין פּראָסקוראָװ, בעאײס מע האָט גע-
קױלעט אידן,
באַ פּעטליורען אַ קאָזאַק.
ר׳האָט עפּשער אױכעט קעפּ געבױגענע געהאַקט.
יונג איז ער און אומשולדיק און דול איז ער. אין זײנע לידער
כײנען אין געװײן זיך, פּעסטען זיך טרױעריק, טרױעריק
אין שפּראַך סקאװאָראָדאַס, אין קלאַנגען גאָנטעס
טױזנט יונגע אוקראַאינער פּױערים
פון סאַמע קאַלכױװן, פון רױטע פראָנטן.
שטײט ער, לײענט ער ליד און ס׳רױשט בולװאַר און ס׳קלינגט
די גאַס, —
טראָגט פון אים מיט טמימעס און מיט בראָנפן און מיט דיכ-
טונג און מיט מעשוגאַס.

די יונגע פויערטע, דאָס ווייבל זיינס דאָס בלאָנדע,
די יונגע פויערטע מיט וועלכער ער איז זיך צעגאַן,
ברייננגט מיט זיך דאָס קינד זיינס, דאָס דריי־יאָריקע, צופירן
באַם פענסטע ל באַם האַרטן אויסנאָגן די סכירעס,
די כוידעש־סכירעס פונם מאַן.

צעצויגן־ווייך אפן בולוואר לייענט ער וועגן אָנפירער פון
שטאם אַאי,
וועגן ליבע זוניקער אפן אינזל ציילאָן.
אין טונקעלער קאָנטאָר דאָס קינד לויפט אים און ז י
טוט פאַר באַקאנטן, פאַרן ווילד־פרעמדן דערציילן:

— געטאַינעט ר'האָט: „ניט מיינס דאָס קינד"... אז דאָס אינגאַטשל
דאָס דרייכאַדאשעמדיקס כ'האָב אים געבראַכט,
האָט ער אַזוי געוויינט, האָט ער אַזוי געלאַכט:
„ס'איז מיינס, ס'איז מיינס... אט איז מיין אויג... אָט איז מיין
ליפּעלע..."
אצינדערט שיקט ער אונז אף זומער אף א דאַטשע, —
איך מיט די קינדער זיינען מיד און מאַט, —
נאָר ר'זוכט א וויטע דאַטשע: — ס'זאָל דאָרט פריי זיין פון
סאָלדאַט,
ער שרעקט זיך זייער, זייער פאַר סיפילים...—

לויפט, ראַשט דאָס קינד און אָנגעשטעלטע הויבן קעפּ פאַר־
וואונדערטע
און מורמלען ברויגעז: וואָס איז דאָ? א קינדערהויז?
און דאָס האַרטע פענסטערל דאָס צוגעמאַכטס וועט שוין מי־
סטאָמע היינט קיין געלט ניט גיבן.

און ז י דערציילט: „מיר זיינען זיך צעגאַן,
נאָר אין איין צימער וואוינען מיר, קיין אַנדער דירע ניט פאַראַן,
קומען מיר אין אָוונט שפּעט — און דאַן
דערציילן זיך פון אונזערע ליבעס, —
דערציילן זיך ביז טיף אין נאַכט —
און ע ר לאַכט און א י ך לאַך...״

לויפט אין קאָנטאָר אַרום און שרייט דאָס קינד, דאָס פּיצל.
אַפן בולוואַר איז שטויב פון אנהויב היצן.
און הונגעריקע אַרבעטסלאָזע זיצן.
און העט אַריבער קעפ די הויך אין בלוי-קאָליר.
ער רעדט פאַר כעוורע אף בולוואַר: — „איך האָב טעלעגראַפירט:
איר, אין זשורנאַל דאָרט, איר,
שיקט ארויסעט טייקעף הונדערט קארבן,
איך קאָן דאָך ניט, איך טאָר דאָך ניט פון הונגער שטאַרבן!..״

און די יונגע פויערטע נעמט אף די הענט דאָס אינגל,
דאָס אינגל, וואָס זי האָט דעם דיכטער-יונג געבוירן,
און ס׳טוט איר קעלכל נאך פאַר ווילד-פרעמדן באקאנטן קלינגען:
„...כ׳האָב פאַר זיין קאָפּ, אָ, פאַר זיין קאָפּ כ׳האָב זייער
מוירע...״

פאַרנאכט וועלן די הונדערט קאַרבן אָנקומען און ער וועט דינגען
אַ דראָזשקע א וויך-גומיקע, אַ פלינקע
און יאָגן זיך אַוועקיאָגן דעם וואָלקן
בא זעכצן יאָר, באַ שוואַרצע האָר פון ווייכער קאָמסאָמאָלקע.
באַנאַכט אינמיטן הולקע וועט אים ווערן שלעכט,

ווען ער וויינען, וויינען, ווי אין אַלע שוואַרצע נעכט,
און זיך צום ווינקל-צימערל פאַרנויגן: ברעך, ברעך...
פאַרנאַכטלעך וועלן אָנקומען די הונדערט קאַרבן !..

און טראָצקי זאָגט, אַז ס'איז די צייט אַ האַרבע.
און אף בולוואר אינמיטן שטאָט ניט שפּאַס, —
טויט און הונגער, אומקומען און מעשוגאַס.
אוי, ווינטל פרילינגדיקס, אוי, רעגנבויגנדיקע פארבן,
אוי, מילדע האַנט, אוי, טיש מיט ריינער אַרבעט.
אוי, שטיבל ליימנס אפן באַרג-שפּיץ אין קאַווקאַז !..

ס. יעסעניבען

א

פאַר דיין לעבן, פאַר דיין אָנדיינק איינער, איינער כ׳פייער
אינם קעלער, אינם שיינק דאָס אָנשוועבן פון ניי־יאָר.

ליבער, צווייטע נאַכט שוין גליוועט אף דיין קאָפּ די הרודע.
הער, פאַרוואָס זאָלסטו ניט קומען צו מיין נייאָר־סודע?

איז זיך ווײַן אין מיר צעלאָפן, מיר דאָס האַרץ צעהוידעט.
נעבן, נעבן שווימט דיין לעבן, איז דיין גרויסער טויט דאָ.

שרייען קלאָווים, שטאָט־גאַנאָווים, פילדערן די צויגן.
כ׳הויב דעם קאָס און טרינק פון קאָס פאַר שלאָף פון דיינע אויגן.

ארום מעהאלעכס פונם קיילעך הענטלעך מיינע דינע.
ליבער איז שוין אָפּגעפלויגן, איך אף קיילעך פלי נאָך.

האָב איך זיך אַ שטעל געגעבן, אויגן ברייט צעעפנט:
רעדער איילן, ס׳יאָגט דער קיילעך, ניי-יאָר אַף די סטעפּן!

אַף די סטעפּן וויפל שטעגן גליטשיקע און פּריקרע!
ליבער, ליבער, פאַר דיין אומפאַל, פאַר דיין ליד פון שיקרעס!..

פאַרן פאַסטוך, פאַרן בלאָנדן, פאַר דער זילבער-שטימע,
פאַר דער הויכער, פאַר דער בלאָווער סאַזשעלקע אין הימל!..

וויינען צויגן... אין געווימל, פּלוצלינג—כ׳זע—ביסטו דאָ.
ביסט געקומען, ביסט געקומען צו מיין נייאָר סודע.

איז אונז גוט דאָ. שפּרינגען מיילן. טאַנצן ווענט און זיילן.
זילבער-קאָל און פלינקער ווינט און שווינדלענדיקער קיילעך!..

1/I—1926.

ב

האָט דיין זון דיין אייביקע, דיין וואונדער-גליק
אויפגעלויכטן אין אן אָוונט מיט א שטריק.

און מיט בלוט מיט גלוטיקן א דולער שרייבסט:
— „ס׳איז די לעצטע קרעפטיקע באַהעפטונג, ווייב!

ניט געשרייען,—לינדע ווינטן ווייען פריש,
ערד איין-איינציקע, דו, פרוי איין-איינציקע, איך ווער פאַרמישט.

מיט גרויזאַמען, מיט הויל און בלויזן גאר,
מיט וואר אומשולדיקער אין פריען פון אַ יאָר!

סע שרייט אין אָוונט-ווייט, סע קושט, סע וואַרגט.
דיין ברוסט דיין גלוסטיקע צעשליידערט אפן באַרג

און שטיקט מיט גילדן גליק, צעשיקטס פון אומעטום:
ס׳איז די לעצטע קרעפטיקע באַהעפטונג, ערד, זון!..

מאָסקווע

א

געדיינקט א בריק דעם פייער פון נאַפּאָלעאָנען,
צו פּאָרן כ'קום און אַף די גאַסן דיינע פּריט.
און אין דיין ברייטן פלאַנטער, אין דיין שיינער מיט
אַף קרעמל שפּילט זיך ווינט מיט דיינע פאָנען.

און אין דיין מיט איז דאָך פּאַר מיר א וואוילע רו דאָ,
צעווישן ליקן דיינע, וועלכע זיינען וואונדער־אַלט,
האָט זיך פּאַר מיר א פרישע היים צעשטראַלט,
איז היינט מיין טאטע דאָ, מיין מאמע דאָ, מיין ברודער!

ס'האָט לאנג געטרייסלט ווינט די דינינקע געצעלטן
און שטיפלעך הינקענדיקע האָבן זיך צעשיט
און אין דיין פלאַנטער, מאָסקווע, ווערן היינט געהיט
מיין ברודערס זומער־טאָג, מיין טאַטע־מאמעס עלטער!

באַ פענסטער זייערע, אוי, מאָסקווע, יאָגסטו, רוישסטו!
אוי, האָסטו, מאָסקווע, זיי אין קאָן דיינעם פאַרמישט!
זיי זעצן זיך צום שטילן אנבייסן באַם נייעם טיש
און זעען פאָנען איבער דיינע גרייזע קלויסטערס!

און איך צופאָרן קום. כ׳וועל אָפּרוען, כ׳וועל קאָנען
אין אפדערנאכט אוועק מיט בלאָנקענדיקן בליק,
דורך קניפן דיינע, מאָסקווע, אָנקומען צו בריק:
ס׳געדיינקט אַ בריק דעם פייער פון נאַפּאָלעאָנען.

ס׳געדיינקט אַ שטאָט, ס׳געדיינגט א לאַנד דעם מעכטיקן געררודער,
ס׳געדיינקט אַ לאנד די פלאַטערדיקע שלאַכט,
וואָס האָט די קאַלטע, וויסטע דירע אומגעבראַכט
און האָט באַפוילן, מאַמע, לעבן זאָלסט אויך דו דאָ!..

ב

און מיר זיינען דאָך אין קרעפטיקייט אין גרויסער!
ברידער, הענט מיינע אף אייערע פֿאַרברוינטע העלזער.
אין מיין פאָרעניש — א הויל און בלויזן אוישער
כ׳טרעף זיך פלוצלינג — און געפעל זיך.

כ׳בין אין לעצטן שניי-פארנאַכט אַרויסגעפאָרן,
איז באַפאַלן יונגקייט פריילעכע די נשאָמע:
לאָמיר בויען שטעט מיט הויכע גאָרנס,
שיינע גערטנער פלאַנצן לאָמיר!

און אַ גאַנצע נאַכט אף ראכוועס אף פֿאַרשנייטער
האָב איך מונטערדיקן ווײן געטרונקען.
און אַ גאַנצע נאַכט האָט געטרומייטערט
יונגקייט מײנע זוניקע און פלינקע:

— לעצטער שניי-באנאכט, און ס'קלינגען קויכעס,
ריינע קויכעס, וואָס געבוירן פרילינג.
ברידער, לאָמיר אופשטעלן פּאַלאַצן הויכע,
ס'זאָל אין זיי די יונגקייט שפּילן!..

האָב איך אויפגעוואַכט מיט אויגן מיט פאַרגלויבטסטע:
אינם גרויסן פעלד מיין יונגקייט לויכט זיך,
און מיט קופּאָלן מיט גילדנע מאָסקווע—הויפּטשטאָט
איבער פעלד דעם גרויסן הויכט זיך.

מאָסקווע, פון דיין פרישער קוואַליקייט אַ שעפּ טאָן,
מאָסקווע, מיט געשווינדע ווינטן דיינע פליען!
מאָסקווע, אַף די פלעצער דיינע טראָגן קרעפטן,
יונגקייט טאנצנדיקע, גרינגן פרי-יאָר!..

ג

אַז פאָרט מיין אויג אלץ מער און מער געפעלסטו,
אַז ס'זעט דיך פאָרט מיין אויג אַף באַרג-שפּיץ אויבן.
מאָסקווע מיינע, הויפּטשטאָט מיינע, וועלטשטאָט!
גיב מיר ווערטער ריינע, ניט געפעלשטע
צו באַזינגען דיך און דיך צו לויבן.

אין וואוינאָרט מיינעם הויבט מיין טאָג אָן ווערקן.
הויב איך זיך אויף און קום צו דיר צופאָרן, —
אַף דער שטרעקע, אַף די פעלדער, אַף די פעלקער,
אַפן לאנד און אַף זיין גרויס און אַף זיין העלקייט
א קוק צו טאָן פון העכסטן גאָרן.

פון די רויטע טויערן און ביזן פּלאַץ אַרבאַטער,
דורך אלע געסעלעך און אַלע ליקלעך קרומע —
אַ אומרו א צעפלויגענער איך לעב און פלאטער
און שלינג מיט אויג און ס'ווערט דאָס אויג ניט זאַטער,
וועלטשטאָט מיינע, הארץ פון מיין מעהומע.

ס׳האָט ניט געקעפּט מעהומע מיך, — מיך קעפּן
דער היינטיקער, דער הארטער שטילשטאַנד קען נישט.
ווייל איך: אַפּן בארג, וואָס הויכט זיך אף די סטעפּן,
אין דער מיט אין דיינער זאָל מיך פלוצלינג טרעפן
באָמבע פרישע, הילכיקע געשעניש.

גיב א הויז צעווישן דיינע פלאָנטער-קניפּן, —
אין מיין היינטיק וואוינאָרט גאָרניט האָב איך, —
איך וועל אַף ברייט דיינער מיט טעג מיט דיינע שטיפן
ביז ס׳וועט א רייס טאָן אויג און הארץ און ליפּן
הייסער הייס: אפּסניי אקטאבער!..

וועלטשטאָט מיינע! כ׳וועל פאַר דיר דאן פאלן,
מיט הארץ, וואָס איז פאַרליבט אין דיין מערידע...
איך וועל מיט הויכריידערס אף פלעצער דיינע שאלן:
— לאנד מיינס! לענדער! פעלקער! אַלע! אַלע!
ווידער! ווידער! ווידער!...

Я возмужал, и, кажется, навек...
А. С. Пушкин

אין אָט דעם פרי, וואָס קומט פון הימל־ברעגן אָן,
אין וועלטשטאָט. ווי אין דאָרף, מיט קרייען פון א האָן,
איך, קוקנדיק אַף הימל בלויען, זיך דערמאָן,
אַז אָט — דער הימל שפּרייט זיך ביז די דארעם־וואַסערן.

שוין קלאָר מיין יונגער וועג אין שווערן פלאנטער־קנויל.
כ׳וועל באַלד אנטשלאָפן ווערן מיט א האלב צעעפנט מויל
און ס׳וועט זיך כאָלעמען מיין הארץ, אַז ס׳איז דעם וואויל,
אַז בעסטער פריינט ט׳אומזיסט - אומנישט עס ניט פאַרמאסערן.

כ׳וועל באַלד אנטשלאָפן ווערן און ס׳וועט אויסוואקסן דער פרי
און פון פארשטעט וועלן זיך א לאז טאן ארבעטער אַף טאג פון מי
און ס׳וועט זיך כאָלעמען מיין הארץ — מיין היים, מיין הי,
מיט אלע קאנטן, וואס דאס אויג מיינס קאָן זיי ניט.

און זעען וועט מיין האַרץ, ווי איבער דער בולווארן־קייט
אין וועלט־שטאָט גרויסער, אַף איר לענג און ברייט,
אין פרי אין אויסגעוואקסענעם א שטאָלצער שטייט
דעם דיכטער פושקינס קערפּער בראָנזענער.

אַזוי פון זיך אַמאָליקן פאַרליר איך לעצטן שפּור.
פריי אין וועלטשטאָט-אוונט שפּיל איך אין טראַמוואַי-לאָטאָ.
איין טראַמוואַי גייט דורך און ס׳גייט א צווייטער דורך.
אין אפדערנאַכט צענשטאָקיקן דיין נומערל איז אַלץ ניטאָ.

דאָרט, באַם עק פון רעלסן-ראָד, אף גרויסן פלאַץ
האָט מיסטאַם דיין נומערל ערשט איצט געדירדט.
מיין אויג, וואס כידעשט זיך, מיין אויג דאס קיינמאָל-זאַטס,
גייט-מיט מיט אַלעמען, גייט-מיט מיט דיר.

מיין אויג מיין וואַגלענדיקס, מיין אויג, וואָס שטענדיק שטוינט,
זעט, ווי ס׳יאָגט דיין נומערל פאַרביי בולווארן פלינק,
זעט אין וועלטשטאָט-אוונט דעם צענגאָרנדיקן טרוים,
דעם אָנקום פון נומערל, וואָס איך געווין.

אַ שפּרונג פון טרעפּעלעך: — „דו וואַרסט דאָ? אַך, —
(אין ווילד-צעצווייגטער פלאַנטעניש ווי ווייך דיין שטים), —
דו וואַרסט אף מיר דאָ? איך האָב דיך געבראַכט
די ריינע כוואַליעלעך, די זון פון קרים!״

און וואַרעם קושט מיין אויג באַ טונקעלדיקן ראַג, —
מיין אויג, וואס זעט דאָס דורכגעלאָפּנס—דינס,
קוועלט: אין וועלטשטאָט-אָוונט לויכט אין שטאַק אף שטאַק
לעבעדיקע פרייד פון נאָך געווינס!

שיקט זי, קלאפט זי טעלעגראַמעס אין אלע שטעט פון רוסלאַנד:
— „וואו ביסטו און וואו ביסטו? איך וויל דאָך דיך א קוש טאָן!

ניט אין מאסקווע, ניט אין קיעוו, ניט אין סעוואסטאפּאָל,
וואו ביסטו און וואו ביסטו? וואָס האט מיט דיר געטראָפן?...

כאַפּ איך זיך א מידע אויף אין גרוי-פריען אין אַלע.
אין דער צייטונג אין דער נייער — רעדעס. ריקאָווס, סטאַלינס.

איבער צייטונג איבער נייער אויגן מיינע פליען,
עפשער, עפשער אין דער צייטונג טרעף איך א יעדיע.

אין דער צייטונג — טויזנט נייעס — טויזנט שטעט און נעמען.
עפשער טרעף איך דאָרט דיין נאמען אין א שווארצן רעמל.

איך געדענקט דאָך, איך געדענק דעם זומער-טאג דעם לאנגן,
ווען אף צווינטער אף וואגאנקער זיינען מיר אומגעגאַנגען,

צווישן סטעזשקעס זוכן, זוכן, פּאַקן דאָרט ניט קענען:
וואו-זשע ליגט ער עס באהאלטן דא, סערגעי יעסענין...“

טויט אין פעלד און ראש אין שטעט און ליכטיקייט אף יאמען.
פּלוצלינג, פּלוצלינג קומט צוגיין, צופליִ'ן א טעלעגראַמע:

„ווידער בין איך פראנק און פריי. ווידער בין איך ארעם.
ווידער איז מיר סאַי ווי סאַי. ליבע, קום צופאָרן.

גוט אַזוי און רעכט אזוי און וואויל אזוי. דעריבער
לעבן זאָל דער רויש אין שטעט און לעבן זאלסטו, ליבע...

ס'וועט זיין בא מיר מיט דיר א שלאכט א ביטערע, א שלאַכט א לאנגע.

איך האב זיך געזאָגט: מיין קאָפּ ניט פאַלן זאל אין דעם געראנגל.
מיר וועלן קנוילן זיך, און ביילן זיך, און רייסן זיך, און בייסן.
און זיין וועט זיין ווי ס'איז אין יענער שיינער מאַיסע,
ווי ס'איז אין יענער אוראלטער ארמענער ליד:
— געוועזן פון שטויב דאוויד. אוועק אין שטויב דאוויד. —
און מיטאמאָל א קאל (ווי אזוי? פונוואנע ?)
— ניין, ווארט אויס. איך בין נאָך פאראנען !..

קעגן גרויסער נאכט אף מייל אף טויזנט
איז מיין זעאונג גרויס, איז מיין זעאונג גרויזאם.
ליגט פון אנהויב וועלט א הרודע ערד.
איז די הרודע מיר באשערט.
ברענגט מען מיך פאַרקילט, פאַרקוילט.
פאַרשטאָפּט די הרודע אויג און מויל.
און אַרום דעם גאָרטן און אַרום דער שטאָט
קייקלט זיך די רויטע ראד.
און פויגלען — יארן — טויזנטוויין.
און אויג איז אייז. און הארץ איז אייז.
און איבער דער לענג און איבער דער ברייט —
אומרו גייט, אָטעם זיך שפרייט,
ס'קייקלט זיך אף טייכן דער העלער קרייז —
און אויג איז אייז. און הארץ איז אייז.

ווייל איך ניט. ווייל איך ניט. כ׳צעשעלט, צעוויין זיך,
איך שטאָל זיך אָן מיט ליד מיט ריינער,
מיט ליכט קאַדמויגישער דאָס הארץ כ׳פאַרפּאַנצער,
דערצי ביז פרי און אין פרי צעטאַנץ זיך:

— מיעסער סוינע! ווערעמדיקער פיינט!
קום זיך שלאָגן איבער דער שיין!
ניט קיין גראָשן דערוועדט מיין קאָפּ!
ניט אט-א-שוין כ׳גיב אים דיר אָפּ!

אויגן מיינע קאָנען, אויגן מיינע ווייסן
טויזנט סרייפעס און טויזנט מייסים, —
טויזנט פרי׳ען און טויזנט שטעט
וועל איך געווינען אין דעם געוועט!...
קאָפּ צו קאָפּ און פיס צו פיס,
אויג צו אויג און שפּיז צו שפּיז!...

און די שלאכט צעברענט זיך און די שלאכט גליט:
— געוועזן פון שטויב דאוויד. אוועק אין שטויב דאוויד. —
און מיטאמאָל — א קאָל (ווידער אויפגעשטאַנען!)
— ניין, ווארט אויס. איך בין נאָך פאַראַנען!
איך בין נאָך פאַראַנען, און אָט, אָט —
קייקלט זיך די רויטע ראָד!
אין די גאָרע הייכן — העט, העט
דער קרייז דער העלער איבער די שטעט!

אַ בוים וואַקסט אויס און קאַליע ווערט און וואַקסט שוין ניט צוריק.
אויך איר וועט מער ניט טרעפן שוין די אורקוואלן פון גליק.

באַ גליוועריוועגט איר קארטשעט זיך, איר פיבערט און איר ברענט.
בעהאָלע-גלאָק אין מיט-נאכט קלינגט: א אומגליק איז געשען!..

אין קלאָרן אָנהויב רינט דער קוואל קרישטאליק — ריין און פרום.
און אייער טייך ווערט אויסגעדאַרט, ווערט אופדעוואך א זומפּ.

אוי, אלץ וואָס מעגלעך איז געוועזן, וואָס אייך געווען באשערט
איז דאָך געוועזן פויגל-מילך, א מאַיסע מיט א בער.

און נאָך א נאכט און נאָך א טאָג, מעסלעסן זעקס, א וואָך —
און אייער טייך פאַרלאָשן ווערט, דערוואָרגן ווערט מיט מאָך.

און אייער בוים שטייט אלט און קאַלט אקעגן האָריזאָנט:
אָ, גייערס, פויגלען, קינדער, שטערן, קוקט, אָ, קוקט מיך אָן!..

בעהאָלע-גלאָק אין פינסטערניש, אין מיט-נאכט זיך צעוויגט:
— שוין קיינמאָל, קיינמאָל טרעפט איר ניט די אורקוואלן פון גליק!..

נאָך אַ מיעסער ליאַמע

אַז די דינערלעך זויפֿן זיך אָן
און ס׳נעמט רינען סלונע —
ווינשט זיי דאָס האַרץ אַ וויסטן סאָף,
אַ מיסע מעשונע.

ווייל די דינערלעך זיינען קליין
און אומווערדיק און העסלעך
און זייערע נעכט ווי די שוידער־נעכט
אין טשובאַראָווער געסלעך.

ווייטיקדיקער נשאָמע־טרוים!
ליכטיקע לעגענדע!
דורך די דינערס פֿון דיין הויז
ווערסטו דאָך געשענדעט.

ווער וועט אָנטייטן דעם פאָלק
ריינעם וועג דורך שטערן,
אז די דינערס פונם טרוים —
איבלדיקע ווערעם ?...

איז איבער זיי א לאנד פאראַן —
הימל-ברייטן בלויע ?
איז ארום זיי א לאנד פאראן —
מאמעס, שוועסטער, פרויען ?...

ווייטעקדיקער נשאָמע-טרוים !
העלע האַרץ-געשיכטע !
אויסער דינערס פון דיין הויז
ביסטו וואונדער-ליכטיק !

אינגלשקייט און פרילינג

מ. כאַשטשעוואַצקין

I

זויבער - קוועלכלעך שטילינקע!
יאָרן כ'נעם און נעם
אַלץ פון יענע פרילינגן,
אַלץ פון יענעם דעמב.

אין מיין קליינער היימשטאָט
אינם גרינעם קאַנט
היינט אין טעג אין רייגסטע
נאָך דער דעמב פאַראַן,

דער, וואס האט געלערנט
מיך אין פרי פון יאָר
הערן ווינט און שטערן
זונען — קעלכל קלאָרס...

„גרף פוטוצקי, גרף פולני...״
ניט קיין גראַף און ניט קיין פאַני,
איך בין אינם גרינעם קאַנט
אומגעגאַן, אַרומגעגאַן.

דאָרטן אינם גאָרטן
יונג האָב איך דערקענט
הימל אויסגעקלאָרטן
איבער לייב פון מענטש...

אויג מיינס, הארץ צעהעלטס מיינס!
ליד — צעשוימטע וועל!
היינט גייט אום דער וועלט-מענטש
אין דער גרויסער וועלט,

גייט ער, קומט פאַראַקשנט
צו דעם יאָרן-פרי:
ריזיק איז דאס וואַקסן,
מעכטיק איז דער בלי.

אַז הענט זיינע צעשטרעקט ער —
ארומגענומען ווערט
גליענדיקע שטרעקע,
פלאַמענדיקע ערד.

בענטשעניש און שעלטעניש,
ראַנגלעניש און צוויט
און דאס הארץ דעם וועלטמענטשס
אין דער סאַמע מיט...

זויבער-קוועלכעלעך שטילינקע!
ווייט פארגאַן דער שעם
פון די ערשטע פרילינגן
אַרום שטאָלצן דעמב.

II

היינט איז געוואָרן שוין קלאָר:
דער הימל מוז ווערן בלויער,
היינט האט זיך באַם טויער צעשפּילט
דער קונדעס טאָם סאָיער.

וואס האט זיך צערוישט דער בולוואר?
וואס האט זיך צעטאַנצט דער קונדעס?
אַף יענער זייט בלייערנער דעק
איז שוין די זון, די זון דאָ.

היינט באַנאַכט האָט גערירט
אַפן דניעפּר די קריהע.
קוועקזילבער האט דערשפּירט,
אַז סע שמעקט מיט פּרי-יאָר.

איז קעגן שול דער בולוואַר
אריבער צו קינדערשער שליטע.
שמייכלענדיק זע איך די שפּיל
פון היציקע יונגע געבליטן.

באַם טויער דו לויפסט און דו שפּרינגסט
אָ, ברודערל טאָם סאָיער, —

אומרו דו טייערער, כ׳קוק
און איך שטוין און באַדויער:

איך וועל ניט פּליעסקען מיט הענט,
כאָטש מיין לויטערקייט וויל עס,
איך וועל ניט טאנצן ווילד
אין גאַס קעגן נייעם טכילעס,

נאָר די בּסורע פון ווינט,
נאָר דער מונטערער קויעך,
וואס וועקט אויף אי דיך, אי מיך,
אָ, בּרודערל טאָם סאָיער,

פאַרדרייט מיר דעם קאָפּ און דרייט
אַ טאָג מיך אום אין די ליקן.
צעשאָקלט מיך און צעמישט,
צעוואַקלט און פאַרשיקערט,

באגלייך ס׳איז היינט ערשטער טאָג
פון יענעם פרילינג קלאָרן
ווען האַרץ מיינס, מענטשיש האַרץ,
איז ליכטיק-צוועלעפיאָריק.

קרים

א

איבער ווייסע דירעס, נעבן כוואַליעס וואוילע,
אַפּן באַרג-שפּיץ אויבן, אויבן אָן,
העכער איבער טאָטערשן צעשמעטערטן בייס-אוילאָם,
קעגן אויפשפּראצונג פון טאַורישע קאַיאָרן,
וואַכט אַף פעלזן די אָבסערוואַטאָריע,
וואַכט אין טורעמל דער אַסטראָנאָם.

— די אויגן דיינע, זאָקן, די האָר די גראָווע, זאָקן!
וויפל מאָל האסטו שוין דורכגעשטאָכן
מיט אָנגעשפּיזטער, אָנגעצילעטער שפּאַקטיוו
די ריזלענדיקע הימל-טיף?..

באַנאכט דער אַסטראָנאָם געפּראַוועט האט אַ מאָלצייט
און געקומען זיינען אַלע צען באהעלפער,
באַם ברייטן טיש געהערט האב איך דער צוועלפטער:
מע זינגט אַ ליב-געזאנג די ראַכוועסן די שטאָלצע.
מע זינגט פאַרשיקערט און מע זינגט פארליבט
און מע טאַנצט אַ ראָד אַרום שפּאַקטיוו.

— זאָקן, איך בין שיקער ניט פון בראָנפן,
ס'האָט מיך אָנגעשיקערט שטערנדיקע גאַיווע.
זאָקן, איך וויל אָנהויבן פון אָנפאַנג,
כ'וויל אין טורעמל פאַרבלייבן !..

האבן זיי פאַר מיר געהויבן פולע קויסעס.
האבן זיי אַף מיר געשיינט מיט אויגן גרויסע.
האבן זיי מיט מיר אַ גאנצע נאכט געשטיפט,
געטאנצט מיט מיר אַרום שפּאַקטיוו.

אינדערפרי האט מיך אַוועקגעיאָגט אַווטאָמאָביל
און טאַווריען האט דורכגעשווינדלט, טאווריען האט דורכגעשפּילט.
ס'איז ווינט פון בארג און טאָל מיט מיר אריינגעלאפן
אַף גאַסן ציכטיקע פון יאַם-שטאָט סעוואסטאָפּאָל.

ס'האט אַלץ דער אַסטראָנאָם געזונגען באַ שפּאַקטיוו,
און איך געזונגען האב מיט פלאטערדיקע יאַמבן
און ס'איז מיין הארץ געגאַן אף יאַם-וועגן אַ שיף,
אַ שיף צעווישן טאַווריען און סטאַמבול.

ב

און זעען זעט מען ווייט: פון קאַץ פון פעלזיקער באַ סימעאיז
ביז —
די וואַסערן, וואס באַ גורזוף,
וואו אויסגעצויגן האט דעם קרומען גוף
דער באַרג, דער בער —
און מ׳זעט די ברענענדיקע שליסל איבער יאַם און ערד.

און כ׳זויג שוין ווידער
מיט אויג די מילך פון גרויסן, וואַכן שליאַך...
טאַווורידאַ!
פרויען — מילדע פראכט!
הער, הער:
מיר וועלן כאַלעמען זיך אַלע נאכט
די ברענענדיקע שליסל איבער יאַם און ערד.

די וואונדער-שליסל, ציקאַדן-שפּילעניש אַף העכסטע בלעטער
און גערטנער-וועג אַרויף באַ צ׳ענדיקן גרונט
און פליעסקעריי מיט הענט אַף שפּיץ אַי-פּעטרי,
אַקעגן זוים פון יאַם, וואס טרייבט אַרויף די זון...

סע שלאָפן שטעט און שטום איז די יאַבאָשע.
צוביסעלעך, צוביסעלעך די שליסל ווערן אויסגעלאָשן.

פון טאָל פון ערדישן, וואס זייט, געבירט און פרוכפּערט,
אַף צאָן פון בארג ארויפגעקראָכן כאָפּטע יונגעלייט
און שרייט: שוין צייט פון פוטערפאַס ארויס, שוין צייט! —
און ס'וואקסטע די ליכט, און ס'ווערט געדיכט דער פורפור

און — אוי — סע רייפט בא זוים פון וואסערן אַ פייער-רינג
און — אוי — אַף צאָן פון באַרג אַ מעכטיקער געשריי.
מיט כאָפּטע יונגעלייט צום יאַם איז צוגעגאַן ראַסיי
און כאָפּטע יונגעלייט אַף שפּיץ אַף העכסטן זינגט

אַקעגן פלאַם באַ זוימען פונם יאַם:
По морям... по морям...

און פייער-רינג באַ שפּיגל-ענדן בליט דאָרט.
און פייער-פלאַם באַ שפּיגל-ענדן — מער און מער.
פרוי געליבטע, ליכטיקע טאַווארידאַ!
זון אַף לייב און וואַסערן און ערד!

ג

מיר שניידן דורך דעם האַלבּ-אינזל מיט ווינט-געפייף.
מיר דרייען זיך אין טאָלן-רינג, וואָס בליט אין היץ.
און טשערדעס שרייען „מע״ און ס׳גליט אַ ווייטער שפּיץ
און אין די גערטענער די וויינטרויבּ רייפט.

און גלעקעלעך אַף גראָווע סטעזשקעס — טאָטער-שפּראַך.
אומרו פּיבּערדיקער, וואָרעם נאָגנדיקער, ווער געשטילט:
טשאַבּאַנען באָרוויסע אַף פעלזן-שטעגן ווינשן מילד
אַ גוטן פרי, אַ גוטן טאָג, אַ גוטע נאַכט.

גיכער, גיכער צו דעם יאַם-בּרעג יאָג, מאַשין:
דאָס האַרץ דאַרף ווערן יונג, דער טאָג דאַרף ווערן שלאַנק!
ביז יאַם אַ שטילינק, שטילינק וואָלעכל-געזאַנג
פאַר טשערעדעס און ווייגערטנער איך זינג:

„אין דאָרעם האָט די זון אַ וויגעלע געוויגט,
דאָס אָדעם-וויגעלע אין שיינענדיקע קרענץ.
דו, אויסגעוואַקסענער, דו, בּלוטנדיקער מענטש,
פאר זון און וויינטרויבּ בּרענט דאָך אונזער קריג?״

און טשאַטערדאַג שטייט אויף. מיר דאַכט זיך: אַ טשאַבּאַן
אַ וואוקסיקער אַף שפּיץ-הויך קוקט און קוקט אין ווייט
און אויג זיינס — פייערדיק און פינגער זיינער טייט
צו שלאַנקן טאָג אַף ראַכוועסן פון יאַם.

פרישע קלאָרע פרי-שיין עפנט מיר די אויגן.
אין דער הויך פון פרי-יאָר לייכטע צוויטשעריי.
יענער ריינער אויפשטאנד, יענע יונגע פויגל —
אַף-דאס-ניי.

אָט אַזוי געגאנגען, אָט אַזוי געלערנט
האב איך גרינגן דורכגאנג נעבן טיפן טייך,
זון מיינע געבענטשטע, קלינגענדיקע שטערן,
כ׳בין נאָך לייכט.

אין דער שפּיל דער גרויסער וויל איך אַלץ געווינען
אָט די ראָד די רויטע, וואס אין הויכן פלאַמט.
פון אַ יאַם צעשליידערט איז מיין היים-מעדינע
ביז אַ יאַם.

באַ דעם יאַם פון דאָרעם פאַלנדיק אַף קניעס
אַף אַ פעלז געשריגן כ׳האָב ביז לעצטן כריפּ:
ערד מיינע געטרייע, שטעט מיינע אין פריען,
כ׳האב אייך ליב!

איצט אַף פעלז באַנייעס קומען, קומען כ׳וועל דאָך
מיט די העלסטע לידער און די גיכסטע טענץ
שרייען: ערד געטרייע, בערג מיינע און פעלדער,
זייט געבענטשט!...

קלאָרע פרי-שיין. ס׳האט זיך גאָרנישט ניט געמינערט
אין דער הויך פון פרי-יאר יונגער פויגל-קלינג.
זון — אַף ריינעם אויפשטאַנד און די היים-מעדינע —
רעכטס און לינקס.

דאָס געזאַנג פון מילדן לאַנד

א

. . . .

היינט איז א שיינער פרי אף ווייסע שנייען-הורבעס.
כ'האָב אייך, מאדאם, אַמאָל דערציילט דעם סאָד דעם גרויסן?
פון זינט די שכיטעס און פון זינט די כורוועס,
דאַכט זיך מיר, אז אַלע לעבן מיר אין דרויסן.
אין גאָר דעם דרויסן ווערט געשפּילט די שפּיל די פּרעכטיקע.
און מיר ווייסן אלע ניט, וואו וועלן מיר א נעכטל איבערנעכטיקן,
א פּאָשעט נעכטל... היינט, מאַדאַם,
איז אַ פרי, וואָס ברענגט מיט זיך דעם זיסטן סאַם,
א פרי, וואָס שמעקט מיט פרישן קינד און מיט פּיפּאַלעק,
א פרי, ווען ס'דאַכט, אַז היימען האָבן אלע
און סע שפּילט אין היימען ועגן אוילעם-האַזע, ווענן אוילעם-האַבע —
א געניאַלער שפּילער — סקריאַבין...

מאַדאַם!
כ'האָב אייך אַמאָל דערציילט מיסטאַם:
אַלע ווינקעלעך קאָלירן האָבן, האָבן רייכעס, —
באהאלטענע, דינע, ווייכע,
און אָפט דאָס פּאָנעם מיינס זיך ברייט צעשמייכלט,

צעשמייכלט זיך, צעשעמערירט:
דאָס ווינקעלע, דאָס רייכעלע אַזאַ, אַזאַ מין ליד געבירט!..
מאדאם! היינט איז א שיינער פרי, א שיינע קרירע,
פאַר גאָר א שיינער ליד, נאָר כ'וויל זי ניט געבירן!..

איך וועל דערציילן אייך, מאדאם, א פאל:
געוועזן אמאָל א נאַכט. אף איינעם א וואָקזאל.
כ'בין הונגעריק געווען און נאַקעט און פאַרשלאָפן.
ביז זייגער דריי אין שטאָט, אין נאַכט זיך אומגעשלעפט.
דערנאָך געלאָפן
צו דעם וואָקזאל. פון צוועלף ביז דריי
פאַרשפארט איז דער וואָקזאַל. די דינערייי
אים ראמט. פון דריי איז ער באַנייעס אָפן.
בין איך דורך גאס אין קנאַקנדיקן פראָסט געלאָפן
און אָנגעקומען און אריין, און מיד און קראַנק
זיך שלאָפן צוגעלייגט אף שמאָלער באנק
און שלאָפן ניט געקאָנט. א גראָבע מויד
א סיפיליטישע און א סאָלדאַט מיט פאָנעם רויטס
האָבן אף א צווייטער באנק געקושט זיך... ערשט אזייגער
פינף,
ווען ס'האָט אין פענסטער זיך געגרויט שוין דער באגין,
כ'בין איינגעשלאָפן. פלוצלינג: העי, כאַפּ אויף זיך, דו!..
איך רייס די אויגן אויף: די געפּעאו.
איך ווייז פּאַפּירל מיינס. זי גייט אוועק.
נאָר כ'שלאָף שוין ניט. איך זע: באם צווייטן עק —
אין ווינקל דאָרט — א יונגע גויע,
לעם איר — א קינד, א מיידעלע מיט אויגלעך בלויע,
און זי קוויטשעט, יונגע גויע, קוויטשעט הויך און גיך:
געשלאָפן איז זי. האָט מען צוגעגאַנוועט אירע שיך.

מ׳האָט צוגעגאַנוועט אויך איר געלט. א בראַך צו אירע יאָרן.
וואוהין וועט זי איצטער גיין? וואוהין וועט זי איצטער
פאָרן?..

און אוילעם — בארוויסע, סאָלדאטן אין א רעדל
ארום איר. דערציילט זי יעדן:
אַן אַלמאָנע איז זי. זי האָט אין שטאָט געדינט.
און איצט, וואוהין וועט זי זיך אהינטון מיטן קינד?..
און וויינט. און סאָלדאטן: נעבעך, א ראַכמאָנעס,
צוגעגאַנוועט געלט און שיך. בא אן אלמאָנע...
איך שלאָף שוין ניט. אַך זע, ווי נעבן וויבל
דאָס רעדל קלענער ווערט, נאָר דריי פאַרבלייבן,
סאָלדאַטן צוויי און א שיקסעלע א יונגס,
און דאָס שיקסל טאַינעט עפעס גיך און פלינק
און סאָלדאטן העלפן מיט. מע רעדט איינינעם
עפעס איין דעם וויבל. הערט זי אויף צו וויינען
און איינער פון סאָלדאטן נעמט אף הענט דאָס קינד
און דאָס שיקסל גיך ערגעץ פאַרשווינדט
און קומט מיט שיך מיט ווייבערשע צוגיין
און ס׳גיט דאָס ווייבל נאָך א שטילן וויין
און נאָכדעם רייסט זי הענטלעך אָפ פון ברוסט
און כאַפּט סאָלדאט ארום, גיט אים אין באַק א קוש,
און צווייטער פון סאָלדאטן רעדט: איז אָפּגעמאכט.
מיר וועלן אָנקומען אַהין נאָך היינט באנאַכט,
ער האָט „שאַמאָווקע" דאָרטן אָן א שיער, בלויז נעם און רייב.
ער וועט זיין א גוטער מאַן׳ דו זיי א לייטיש ווייב!..
און דאָס יונגע שיסעלע לאַכט, לאַכט.
פארגייט זיך אין געלעכטער: אָפּגעמאַכט!
און ס׳גיט א קלונג א גלעקעלע. דער צוג איז דאָ.
און סאָלדאטן וואונשן זיך: אין א גוטער שאָ!

און כ'שלאָף שוין ניט. איך זע: זיי גייען,
אף הענט סאָלדאַטישע דאָס מיידעלע דאָס קליינס...
און דאָס שיקסל לאַכט, דאָס ווייבל לאַכט...
אָט האָט זיך הינטער זיי די טיר פאַרמאַכט.

מאַדאַם, געפעלט אייך דער וואָקזאַלן-שידעך?
כ'האָב אָפּגעוואַלגערט זיך ביז ניין אזייגער — און א מידער
בין איך אף מארק אוועקגעגאַן, פאַרקויפט פון לייב דאָס העמד,
סע איז מיר קאַלט געווען, ס'האָט מיר דאָס האַרץ געקלעמט.
אין קיך אין נאָענטער פאַר גריוועניקעס פאַר צוויי
געגעסן האָב איך קאָלבעס, געטרונקען האָב איך טיי...

מאַדאַם! איר וויינט? הערט אויף צו וויינען!
איך וועל אייך זינגען לידער וואונדער-שיינע!
וויינט ניט. וויינט ניט. היימען האָבן אלע.
און אלע היימען שפּילט היינט סקריאַבין — שפּילער געניאַלער!

ב

פאַרוואָס, מאַדאַם, איך וויל ניט זען דעם שענסטן פון די געסט?
איך טראָג א אָרעם העמד, מאַדאַם. איר פאַרגעסט?
און די ווייטע הויפּטשטעט, אין די גאַלערייען
די מאַדאָנעס הענגען, יונגע מיידלעך גייען.
ווייטע זון-מעדינע! איטאַליען צעשטראַלטע!
און די מירמלען דיינע איז מיין ליד באַהאַלטן!
דאָרט אף יאַמען בלאָווע, דאָרט באַ ברעגן מילדע
איז מיין ליד באַהאַלטן — א שיפעלע א גילדנס.
קומט דער שענסטער גאַסט. און פאַלדן פון זיין מאַנטל
ברענגט ער מיט א שטראַל פון די ווייטע קאַנטן.

איז מיר עס, מאדאם, אַזאַ, אזא ביזאָיען
פאר די ווייטע קאַנטן, פאר די ווייטע בלויען.
איז מיר עס, מאדאם, אזא, אזא מין ווייטעק
פאַר גילדענע מאטבייעלעך אין אָרעמקייט צעזייטע...

קומט, מאַדאַם. מירן זיצן בא דעם ברעג.
כ׳וועל פרעגן: מע מעג? וועט איר זאָגן: מע מעג.
וועל איך דעם קאָפּ פאַרוואַרפן אַף אייערע קניעס,
וועלן מיר אזוי זיצן ביז שקיע.

וועל איך אייך וינגען דאָס געזאַנג פון דער כוואַליע,
דאָס געזאַנג פונם שיפל אונטער זון פון איטאַליען,
דאָס געזאַנג פונם לייב אַף אינזעלעך וואַרעמע,
דאָס ציכטיק געזאַנג פונם ציכטיקן מאַרמער.
נאָר פאַרענדיקן וועל איך דאָס געזאַנג, מאדאם,
ניט צום ריטם און ניט צום גראַם,
מיט גאָר אַן אַנדער מאַיסע:

נאכט. פעלד. סיביר. ווינטן רייסן.
ווינטן שלעפּן. ווינטן שינדן.
ס׳איז אין ווינטער-פעלד קיין פייערל ניט אָנגעצינדן.
א וואָגאָן. מיט רויטאַרמייער א וואַגאָן.
און פון ווייסן מידבער שאָטנס קומען אָן
און בעטן זיך בא צוגעהאַקטער טיר:
— לאָזט אין וואַגאָן אריין מיך! כ׳פריר! כ׳פריר! —
גרויסע קרידע אַף די ווייסע סטעפּן.
דער וואגאָן ווערט ניט געעפנט.
אָנגעשטאָפּט איז דער וואַגאָן מיט רויטאַרמייער.
זיי האָבן זייערס און זיי פירן זייערס.

טרעטן אָפּ די שאָטנס, קומען נייע.
און זיי קלאַפּן אין די טירן און זיי שרייען:
— עפנט!.. האָט ראַכמאָנעס!.. ווײ איז מיר!..
כ'שטאַרב!.. האָט ראַכמאָנעס!.. כ'פריר!.. —
און זיי טרעטן אָפּ און זיי גייען אַוועק.
ווייסער מידבער. קרירע. שרעק.
איז געקומען איינער פונעם ווייסן סטעפּ
און צו טירן פון וואַגאָן זיך צוגעקלעפּט.
אזוי לאנג געקלאפּט האָט ער מיט שטומע קלעפּ
ביז ס'האָט די טיר געגעבן זיך א עפן.
איז ער אריין. געדיכטעניש, געשטאַנק און פינסטער.
— גיי אהין, א ווינקל דאָרט געפינסטו. —
נאכט. און ס'רירט זיך דער וואגאָן, מע פאָרט.
נאכט אף ווייסן סטעפּ אין אַלדי שוואַרצע יאָר.
רויטארמייער. און שיקסעס פאָרן-מיט מיט זיי —
טרייסטלעך וואַרעמע אין פראָסט, אין שניי.
דערהערט א שיקסע אינט ווינקל מיכאַמאָל
א שלאַבעריקן, הייזעריקן, קראַנקן קאָל:
— קראַץ מיר אין קאָפּ אַביסעלע... — דאָס קאָל בעט זיך
ראַכמים.
שטרעקט אויס די האנט די שיקסע, לייגט ארויף אף אים,
געפינט זיין קאָפּ און קראצט. דערהערט זיך קרעכצן: אָך...
הערט אויף די שיקסע. בעט דאָס קאָל זיך: נאָך, נאָך...
קראצט די שיקסע, לאָזט די האַנט ניט אָפּ.
דער מענטש פאַרוואַרפט אף קני אירע דעם קאָפּ
און שיקסע קראצט און קראצט און האָרכט, —
דער מענטש בעט זיך ראַכמים: נאָך, נאָך...
ביז די האַנט ווערט בא דער שיקסע מיד,
ביז צום שלאָף די שיקסע שטאַרק שוין ציט.

בלייבט דער שיקסעס האנט בא אים אין קאָפּ.
די שיקסע שלאָפט, דער מענטש שלאָפט...
איז דורך קליינעם פענסטערל אָנגעקומען פרי.
כאַפּט זיך אויף וואגאָן. זעט ער: אף די קני
פון שיקסע ליגט א מענטש און פּאָנעם זיינס איז ווייס,
טויט-ווייס און גליווערדיק, ווי אייז
און אין קאָפּ זיינעם, אין קופּע ליין —
דער שיקסעס האַנט...

איר ווייבט, מאַדאַם?
מאדאם, איר יאָמערט?
וויין ניט, טייערע, וויין ניט, נעשאָמע!
ס'איז אלעס גוט! ס'איז גאָרניט ניט פאַרפאַלן!
לעבן זאָל דאָס שיפעלע דאָס גילדנס אין איטאַליען!

ס׳איז שוין א נייע היים. א יאָר און נאָך א יאָר
און ווי א אייגן וואוינונג שפרייט די שטרעקע זיך.
איר, ברייטע דירעס פון מיין ווילדן דאָר,
שלאַכט-פעלדער עלעקטרישע!

צו אלע פלעצער איז שוין צוגעוואוינט דער טראָט.
דורך וועג דורך איינגעשטעלטן קומען כוואַליעס רוישנדע.
לעם די וואָגלענדיקע אויגן — אָט, אָט —
היציקע יאָרטויזנטער.

דאָס הויז — פון זוים ביז זוים, פון יאַם ביז יאַם —
מיינע העפקערדיקע אויגן קאָנען שוין.
פריי, אַן איינגעליבטער איינוואוינער איך שפּאַן
אין קליידער אין קאַפּצאָנישע.

באַשערט א גרויסן טאָג, באַשערט א גרויסע נאַכט
מיט קליינע, פֿאַלשינקע און נידעטרעכטיקע
אונטער דיזעלבע כוואַליעלעך, אונטער דעמזעלבן דאַך
צו טאָגן און צו נעכטיקן?

ווער איך פלוצלינג האָפּערדיק, ווער איך פלוצלינג וואך.
טראָטואַרן וויגן זיך. עפּעס טיף באַוועגט זיך שוין.
ס'גייט א נייער רויש, ס'קומט א פרישע שלאַכט,
שלאַכט-פעלדער עלעקטרישע!

שלאכט-פעלדער עלעקטרישע! ס'איז מיין אויג צעשטראַלט:
אין מיט, אין מיט, אף טראָטואַרן שטענדיקע
טוט א גרויסן קנאַל, טוט דער קאָפּ א פאַל,
טוט די שפּיל זיך ענדיקן.

זאָל געריכט זיין רויש! זאָל געלויבט זיין שטאָט!
זאָל געלויבט זיין יוגנט-אימפּעט ברויזנדער!
לעם די וואָגלענדיקע אויגן — אָט, אָט —
היציקע יאָרטויזנטער!

אין דער הויפּט-שטאָט

כ׳בין וואך א נאכט. — די מאי-נאַכט אין די גאַסן דיינע זיינען ווייס.
כ׳געזעגן זיך מיט גוטע פריינט און אָנקומען איך ניט באוויין
אף נאכטלעגער און קלעמיק געסעלע באַם פּלאַץ אין גר.יסער
פּאָרשטאָט —
סע שפּרייט זיך שוין באגין אין הויכן דיינע קלאָרסטע.
און כ׳גיי אף גאסן דיינע, ריז, און ס׳אָטעמען אף מיר די שפּרן
בא יעדן ראָגל דיינס. און אויסגעלעבטע אוראַלט
קוקט בלייך אף מיר פון יעדן קרום-פאַרדרייטן ליק.
און ברייט צעוואלגערט ליגסטו, ריז, און ווילד מיין הארץ
דו וויגסט, —
ס׳פארגייט דאָס האַרץ אין גליק פון דינען די באגינענס,
אין גליק פון ערשטער שיין אף שטעט און אף מעדינעס.

כ׳בין וואַך א נאכט. — און בא דעם פענסטערל, וואו כ׳האָב
צען מאָל
געשפּירט אין שפּראָצנדיקער ליכט דיין ברייט, דיין אָל
איך שטיי באנייס אין קישעף-קרייז פון זיסער דיכטונג-קלאָלע
צו זען דיך דורך און דורך, דו, האַר פון פעלדער און
פון טאָלן..
העט-פרי גיי איך אוועק. אין גרוי-שיין כ׳לאָז זיך גיין
מיט פאָרשטאָט צו דעם פלאץ און דאָרט איך מעסט דיין לענג,

איך דרינג אין טיף אין דיינער, ריז, און כ׳טו פאַרנעמען
ווי אלע קרייזן דיינע דרייען זיך אַרום דער וואַנט פון קרעמל,
ווי ס׳ווייט די רויטע פאָן אףברייט דיינער, אף אלע דיינע
שפורן,
הויך, הויך איבער גינגאָלד פון איוואַן דעם גרויסנס גלאָקן-טורעם.

און א יונג — א פורמאַן מיך צו ווייטער גרויסער פאָרשטאָט פירט, —
ס׳ווערט ליכטיק, ליכטיקער אף מאָסקווע און ער דרייט זיך
אויס צו מיר
און רעדט, מיט אויגן פאַסטעכשע, מיט אויגן גוטמוטיק-
פאַרשקלאַפטע:
— אָט איז לעם אונז אָקאָרשט אַדורך א פלינקער אַווטאָ,
זיי יאָגן שנעל, זיי פליען פלינק די אַווטאָס, די טראַמוואַיען,
אינגיכן וועלן פורמאַנעס פון מאָסקווע-שטאָט ניט סטאַיען... —
און פרי איז, ריז. די גאַסן — הויל און ווייט און קלאָר.
און ווען כ׳דערצייל דעם יונג, אַז אין דער שטאָט ניו-יאָרק
מע שאַפט טראַמוואַיען אָפּ, מע פליט מיט עראָפּלאַנען —
איז שאָקלט ער מיט קאָפּ: — נו יאָ, נו יאָ, ניטאָ דאָס
וואָס צו טאַינען...

און אַף די קלויסטערס שלאָפט די צייט ווען אַנגעפלויגן
זיינען טאָטערס.
און ס׳פירט דער יונג — דער פורמאַן מיך פארביי דער „בלאָטע"
וואו ווייסטער סאָף איז מיט א האַק אראָפּ אף פעסטן קאָפּ,
אף ווידערשפעניקסטן פון וואָלגע-טייך — יעמעלקע פוגאַטשאָוו —
און אפן בערגל הויכט אין דרימלעניש די קרעמל-וואַנט,
ס׳איז שטיל אין קרעמל-הויף און ס׳דאַכט זיך, אַז סע שפּאַנט
נאָך לענין אום צעווישן שטומעניש פון אלטע קלויסטערס

און האָרכט אין מאָרגן-שיין דעם הילך פון מאַכנעס פון
— צעברויזטע
און ס'גייט אויף זון, סע שפרייט זיך זון אף אלע פלעצער —
פון רויטער פרעסניע ביזן סאָף זאַמאָסקוואָרעטשיע.

און דורך א לאנגער, לאנגער, ווילדער אזיאַטישער האַוואַיע
קומען מיר מיט יונג — מיט פורמאַן אין א קאַנט א נייעם:
העלע ציגל, לויכטנדיקע שפיגל, רייכע שמייכלענדיקע פראכט.
דרייט זיך אויס צו מיר באַנייס דער יונג: — ווען אונזער מאכט,
ווען די, וואָס פראַוון... זיי... ווי הייסן זיי... די פירער —
פאַרמאָגן וואָלטן האלב, וואָס ס'האָט געהאַט די מאכט פון פריער
וואָלטן זיי די וועלט א דריי געטאָן עס... — כ'שריי צו
אים, איך שריי:
— פורמאַן - יונג, מיר וועלן זי א דריי טון סאַי ווי סאַי! —
און פורמאַן זאָגט: — נו יאָ... און גיט א יאָג און ווערט אַנטשוויגן.
און זון איז לייכט צעוויגט אין לויכטנדיקע שפיגל.

און ס'ברייגנט דער יונג — דער פורמאַן מיך אין ליק צו
טאַטע - מאַמע.
אָ, וויכער, וויכער, פאַן, געוועלטנדיקע סערפ און האַמער!
איר האָט צעשמעטערט קליינע שטעטעלעך אין גרינעם סטעפ
און האָט באַ גראָווע האָר די אלטע פאָר, די זעכציק יאָר
אַרויסגעשלעפט
און זיי געגעבן דאָ א געסעלע און זיי געגעבן דאָ א קאמער.
אָ, וויכער, וויכער, פאַן, געוועלטנדיקע סערפ און האַמער!
גאַנצפרי קום איך אין ליק און גיב א קלאפּ אין טיר
און ס'עפנט מיר די זקיינע ווי מיט יאָר מיט פופצן פריר'ר
און כ'זאָג דעם זאָקן מיט די אויגן מיט די מאטע:
— קום שפּאַצירן אין פרימאָרגנדיקער מאָסקווע, טאטע!

און דער טאַטע גייט. א גאַס — א שיינהייט שלאָפט אין
רײנעם פרי

און ס׳גייט דער טאַטע מיט די מידע אויגן, מיט די פּלאַ-
טערדיקע קני.

אף העלע ציגל אזא גראָוער טאַטע, אזא שטומער ווייטעק.
אף די הענט באַם טאַטן פינגער קרומע, פינגער אויסגעדרייטע.
טאַטע! לאָז א קוש טאָן דיינע קראַנקע, קרומע פינגער.
אין די שטעט די גרויסע שווים איך, אין די שטעט די
גרויסע זינג איך

און ס׳איז דאָס שווימעניש מיר לייכט און ס׳איז אין שווי-
מעניש מיר גוט,
ס׳זינגט שיקער-יונג אין מיר דיין אלט-געוואָרן בלוט. —
לאָז א קוש טאָן, טאַטע, דיינע קראַנקע, קרומע פינגער. —
דער טאַטע גייט און שטומט אין מאָרגן-ליכטיקייט אין גרינגער.

לאָז איך אים אָפּ. די אויגן זיינע קוקן אזוי שטאַר.
גייט ער אוועק... גייט ער אוועק... דורך פּלאַץ און מאַרק
שוין פאָרט דער מאָסקווער גרויסער פרי אף טראַכקענדיקע
רעדער.

כ׳גיי איין - אליין פאַרביי די בליענדיקע סעדער.
פון ליכט כ׳בין זאַט, פון פרי פון רייכן בין איך מאַט.
באַם טויער אין דער קרעמל-וואַנט מיט רויטן שטערן א סאָלדאַט
און דורכן טויער איינס נאָך איינס, אין דרייען און אין צווייען
פון קרעמל-הויף אין מאָסקווע-שטאָט באַכורים פרישע גייען.
ס׳איז מאַי אין מאָסקווער גערטענער, ס׳איז פרי מיט זון און בעזן.
פון קרעמל דורך די גערטענער יונגען גיין כינעזער...

צי דער הויכריידער שרייט, צי די פרוי וויינט,
ווייל די פּיין פון געבוירן קרעמפּט זי ווילד?
ביז דער הוילסטער וויט פון דער גרויסער היים,
ביזן העכסטן שטערן איז שאַ-שטיל.

די נאכט-הויך איז קלאָר און מע הערט ניט קיין שאָרך.
בלויז דער לויף פון מינוטן איז גרויזאם-גיך.
בּאַ דעם העכסטן שטערן אף דינער האָר
הענגען די פרוי, דאָס קינד, איך.

צי מאַליוטאַ סקוראַטאָוו גייט פינסטער ארויס
מיט דער הענקער-האַק אין מאָסקווער נאַכט?
צי קינדערלעך האָבן אין א קינדער-הויז
אויפגעוואַכט, זיך צעטאַנצט, צעלאַכט?

צי די שווערד קאָזאַקאָווס באַפאַלט און שעכט?
צי אַ פויגל אין יאַם פליט העל-צעקוועלט?..
מיר הענגען אינדרייען אין העכסטער פון נעכט
און דער לויף פון דער ערד איז העפקער-שנעל.

די האָר איז דין און די לופט איז אין היץ.
און מע הערט ניט קיין שאָרך. האַ, סע קראַקעט א קראָ?
א מינוט... א מינוט... טוט א קוויטש א בליץ.
פאַר אלע דריי שרייט דאָס קינד: — כ'בין דאָ!..

כ'בין דאָ!.. כ'בין דאָ!.. א לייט צווישן לייט
אף דער גרויסער ערד. איר הערט מיין שטים?... —
דער העכסטער שטערן פאַרגייט אין ווייט,
פאַרגייט אין הויך: מיר געהערן ניט אים.

ס'איז א טאטע פאַראן, ס'איז א מאמע פאַראן
און א קינד איז פאַראַן, ס'איז אין אָנהויב מעסלעס.
אין אלע פיר זייטן איז הארט דאָס לאנד,
הארט און צאַרט און אף אייביק פעסט

די מאמע איז מיד. און ס'איז מיד דאָס קינד.
און דער טאטע וועט וואך זיין ביזן באַגין,
וועט זען ווי דער שטערן דער העכסטער פאַרשווינדט
און שלעפט נאָך זיך נאָך הערעלע דינס.

II

באַם דניעפּר

I

גערקומען מיט שווערדן מיט בלויזע טשעטשענצעס א מייע
צום שטיבל, וואָס נעבן דעם דניעפּר, צום פישער פון דניעפּר
אַלעקסייעוו.

סע האָבן טשעטשענצעס געשלאָגן, אזש טאָפּליעלעך האָבן
געקלונגען:
— „אַלטער, וואו זיינען די יונגען? באַ רויטע געווען דיינע
יונגען!

געגאַן דיינע באָנים מיט פאָנען אף גאַסן פון קיעוו!
גיב זיי אונז, אלטער, די באָנים, אף שפּיז און אף טליע!...״

געוויינט האָט דער אַלטער: — „צו מיר, אלעקסייעוו, דעם פישער,
צום הילצערנעם שטיבל באַם דניעפּר, בא וואסערן פרישע,

וואָס זייט איר, טשעטשענצעס, געקומען? וואָס ווילט איר,
נאַראָנים?
האָב איך דען, אלטער, צו שאַפן אף יונגען, אף באָנים?

קאָן איך דען וויסן, וואו בלאָנקען זיי ערגעץ, די רוכעס?
ס'איז דאָך ווי ווינט אין א פעלד: גיי, פאַק עס, גיי, זוך עס!..״

מיט פויסטן מיט אייזערנע, קאַנטשיקעס בלייערנע, שאַמפּאָלן שווערע
האָבן טשעטשענצעס דעם פישער דעם אַלטן צענעריקט.

סע האָבן טשעטשענצעס דאָס הילצערנע שטיבל צעבראָכן,
אוועקגעפירט האָט זיי נאָך באַנים דעם פישערס א שאָכן:

— „ער וועט זיי, דער שאָכן, געפינען, ער וועט זיי דערקאָנען״ —
און ר׳האָט זיי געפונען און — מ׳האָט זיי געפאַנגען, די באַנים...

אין זייטיקער קאַמער, אין הויפל אין שטילן, אין אַרבעטער-געסל —
באַ אויפרופן, פולווער און באָמבעס דאָרט זיינען די באָנים געזעסן.

קריכט אָן טשעטשענעק, פאַרלאָקערט און פליט ווי א וואלף אָן,
סע האָבן די באָנים געשאָסן, נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפן.

זיי זיינען געבליבן פאַרכאַלעשט, אין בלוט און אין וואונדן
און מ׳האט אלע דריי זיי געכאפט אַון פארקניפט און פארבונדן.

געזעען האָט ווינטער-פרימאָרגן, געזעען דער בארג האָט,
ווי מ׳האָט אלעקסייעווס דריי באָנים, דריי רויטע געהאַרגעט.

אין בלאָטע, צופוסנס דעם בארג ביזן טאג ביזן מיטן
זיינען די באָנים געלעגן צעבראָקט און צעשניטן.

ווען זון קוים דערוואַרעמט די שטאָט און דעם בארג און דעם סטעפּ האָט —
האָט מען די באנים צו ווײדלען פון פערד צוגעטשעפּעט.

„פליט, פערדעלעך, פליט״ — און אוועק זיינען פערד מיט דער מאַסע,
אַוועק איבער קיעוו דער שטאָט, איבער גאַס, איבער גאַסן.

געוואשן און אויפגעראַמט, ציכטיק און גלאַנציק און גלאַטיק,
א ליכטיק-קרישטאָלענער שפּיגל דער קיעווער קרעשטשאַטיק.

אַף קיעווער קרעשטשאַטיק א ראַש, א געלויף און א היץ איז:
גאָלד-עפּאָלעטן און שווערדן און פּריצים און פּריצעס.

ארויס זיינען איידעלע טעכטערלעך, פּריצישע מיידלעך:
„— סע שלעפּן דריי רויטע, פאַרשאָלטענע רויטע, דריי פּערדישע
ווײדלען!..״

אַף קיעווער קרעשטשאַטיק, אין מיטן האַמוין, אין א צוקוקער-רייע
געשטאַנען באַ סלופּ איז דער פּישער פון דניעפּר — אלעקסייעוו,

געקוקט אף די פּערד, אף די זין, אף האמוין און אף שטאָקן,
זיין גרייז-גראָע באָרד האָט זיך קוים-קוים געטרייסלט, געשאָקלט:

— ער דאַרף ערגעץ גייען, ער דאַרף עפּעס אויפטאָן, ער מוז
ערגעץ מאָנען
דער פּישער פון דניעפּר — אַלעקסייעוו, דאָס בלוט פון די באָנים!

II

דער דניעפּר איז נאָך אלץ ניט פאַרפרוירן... אף יענער זייט בריקן
שטייען אין מעכטיקע מאכנעס די זין פונם פּאָלק — באָלשעוויקעס.

— „וואָס דאַרפסטו?״ — „דו, פריינט רויטארמייער, דו פיר מיך,
דו פיר מיך צום עלטסטן, ארייננברענג צו דיין קאָמאנדיר מיך,

זאָג אים: פון קיעוו דער שטאָט איז א פּישער אנטרינען
און זעען אים וויל ער און שמועסן דאַרף ער פון וויכטיקן איניען.״

דער דניעפּר איז נאָך אלץ ניט פאַרפרוירן... מע וואַרט, קאָמאנדירן.
ס׳זאָל אָנקומען פראָסט און זאָל נעמען דאָס וואַסער פאַרפרירן.

דאַן וועט מען דעם באַרגיקן קיעוו מיט באָמבעס צעבויטען,
דאַן וועט מען צעשפּרייטן אַף קיעוו די פּאַנצן די רויטע,

נאָר דניעפּר ווערט נאָך אַלץ ניט פאַרפרוירן... ס'פּאַרציט זיך
און ס'דויערט...

קוקט קאָמאַנדיר אַפן פישער: — „וואס ווילסטו דאָ, פויער?"

— „איך בין א פישער פון קיעוו. זיי האָבן, טייוולאָנים,
זיי האבן אין קיעוו געהאַרגעט, געשענדט מיינע באָנים.

איך בין א פישער פון דניעפּר. אלעקסייעוו — מיין נאָמען.
בלויז איינס איז מיר איצטער פאַרבליבן: בלויז נעמען נעקאָמע.

איז וויסן זיי איצט, קאָמאַנדיר, סע זאָגט דיר דער פישער:
פאַראַן איז, פאַראַן אפן טייך איז אן אָרט אַ געוויסער,

וואו לייכט שוין באַדעקט איז דאָס וואַסער מיט הייטל פון קרירע,
איך, פישער, איך נעם זיך קיין קיעוו אייך איבערצופירן..."

קוקט קאָמאַנדיר אַפן פישער. דער בליק זיינער בויערט:
— „דו זאָג אויס דעם עמעס דעם ריינעם, דו נאַרסט אונז ניט,
פויער?"

— „באַ בלוט פון די יונגען, געקוילעטע יונגען, דאָ שווער איך...
גלויבסטו נאָך אַלץ ניט? דו דאַרפסט, קאָמאַנדיר, דען נאָך מערער?"

האָבן געלאָזן דעם פישער דעם אַלטן די „גרויסע"
ביז אַפן טייך וועט אַראָפּפאַלן נאַכטישער כוישעך.

אז אין דער הויך אַפן טייך וועט זיך אויסלעשן שקיע,
וועט ער, דער פישער, דער אַלטער, זיי פירן קיין קיעוו!..

III

האָט אָפּגעבּרענט שקיע אין ווייטן, איז פינסטער געוואָרן.
שטעלט זיך א מאכנע אין רייען. סע שטייט אַלעקסייעוו פון פאָרנט.

גייט מען. מען קומט אָן צום אָרט. דאָס אָרט איז דאָ קוים-קוים פאַרפרוירן.
— „פריינט רויטאַרמייער, אָט-דאָ און מיר וועלן אַריבּער, אָן מורע !.."

ציטערן לייבער באַם טייך : — א שפּאַן און דערטרונקען דאָ ווערסטו!..
לאָזט זיך דער פישער דער אַלטער אַף אייז, קוים פאַרשטייפטן, דער ערשטער.

גייט מען. א מענטש נאָך אַ מענטש. מע צעציט זיך אין קייטן.
סע פלאַטערט דאָס אייז, נאָר מע גייט, נאָר מע גייט צו דעם ברעג צו דעם צווייטן.

סע בּרעקלט דאָס אייז זיך. א רעגע און — ס'וועט זיך צערייסן.
נאָר מ'רוקט זיך און מ'רוקט זיך צו קיעוו דער שטאָט, אַף די „ווייסע" !

מיט ביקס אין דער האַנט און מיט האַרטן, פאַרגליווערטן צאָרן
דער פישער דער אַלטער פון דניעפּר — אלעקסייעוו פון פאָרנט.

ס'צעפּאַלט זיך דאָס אייז, נאָר מע גייט, מ'האָט דעם אָטעם פאַרטאַיעט :
אין פינסטער, אקעגן, אף בּערג דאָרטן דרימלט די כאַיע.

א שאָרך ט'זי' דערהערן — מיט הילכיקע בּאָמבּעס פאַרשפּייט זי, —
ציט זיך א מאכנע אין פינסטער... דער ברעג איז ניט ווייט שוין!

ס׳צעשיט זיך דאָס אייז אונטער פיס. מ׳הערט די וואַסערן רינען.
אף פינסטערע בערג אַרום קיעוו ווערט גרוי אף באַגינען.

סע כליופעט דאָס וואַסער... צום ברעג נאָך א ווילע, א ווילע...
דער ברעג !.. און אף שאָמרים ארויף !.. און פאַרשטאָפּט זיי די
מיילער !..

פון פינסטערע בערג, וועלכע האָבן דעם אומגליק פאַרשלאָפן,
ארויס איז אַ קוויטשיקע באָמבע, אין אייז, וואָס פאַרביי מ׳איז,
געטראָפן.

אַף אייז, וואָס פאַרביי מ׳איז, צעגיסט זיך, צעשטראָמט זיך דאָס
וואַסער.
נאָר מ׳פליט שוין אַף פינסטערע בערג אָן אין פרי-שיין אין
בלאַסער.

סע פליט שוין אף פינסטערע בערג מיט ניצאָכן-געשרייען
א מאכנע מיט פאָנען, א וואָלקן מיט יונגען, א פאָלק רויטארמייער.

סע שטורמען שוין ברודערשע פאָלקן די אייזערנע בריקן:
— „הוראַ״ און „הוראַ״ און „הוראַ״ און „פאַרנעם זיך דעניקין !..״

אין גרויסער בעהאָלע, אין ווייסער מאפאָלע, אין פאָלקן
צעזייטע
די גאָלד-עפּאָלעטן פון בערג ארום קיעוו שוין מאַכן די פלייטע...

IV

ווייען די פאָנען די רויטע אף קיעווער קרעשטשאַטיק,
רוען אַף שטיינער פון גאַסן די זיגער די מאַטע.

אין מיטן די גאַסן קאַנאָנען פאַרבלוטיקטע שטייען.
אין ראָד רויטארמייער אף שטיינער פון גאַס — אלעקסייעוו.

דעם קאָפּ צוגעטוליעט צו אייזערנער וואנט פון קאַנאָנע:
— ניטאָ שוין קיין הילצערן שטיבל, ניטאָ שוין קיין באָנים.

נאָר אַף שטרעקעס אף גרויסע צום קרעמל זיך טראָגט א יעדיע:
קרעמל, זיי וויסן, זיי וויסן, גענומען איז קיעוו!!

44 און 54

I

ס׳קומט פֿאַר אין יענעם האַרבסט, ווען אונזערע כאַיאָלעס
שטיין בײַ קאָראָסטען אין קלעם, אין „זאַק״:
רעכטס — רוקט זיך דעניקין, לינקס — דער פּאָליאַק,
און פֿון דאָרעם שטופּט דער האַידאַמאַק.

ווילד דער פֿיר-און-פֿערציקטערס פֿאַרנאַכטן און קאַיאָרן.
אין אַ פֿאַרנאַכט קומט אָן א קלאַנג צו איר:
סע רייסט זיך פֿון אָדעס, סע גייט מיט שלאַכט פֿון דאָרעם
די פֿערציק-פֿינפֿטע, וועלכע ס׳פֿירט יאַקיר.

סע האָבן גאַנץ אוקראַינע שוין די פֿיינט פֿאַרגאָסן:
דער פֿיינט, וואָס געל און בלוי. דער פֿיינט, וואָס ווייס.
די שוועסטער פֿערציק-פֿינפֿטע פֿירן באָרוועסע מאַטראָסן,
די שוועסטער פֿערציק-פֿינפֿטע זיך קיין צאָפּן רייסט!

אין קלעם, אין „זאַק״ שטייט שטייף די פֿערציק-פֿערטע,
אָט מאָרגן - איבערמאָרגן וועט זי פֿלינק
א לאָז טאָן זיך אַף פֿערד, מיט לידער און מיט שווערדן —
די פֿינף-און-פֿערציקסטע אַרויסשלעפּן פֿון רינג!

אַנטענאַס ציִען זיך אַרויף און לופטן־כוואַליעס פליִען,
און אין דער קלוניע וואַכט דער ראַ. יאַ־מאַטאָר:
— „פינף און פערציקסטע, דו גיב אונז אַ ידיע,
„היינט וואו געפינסטו זיך? רוף אָן דיין אָרט!

„רוף אָן דיין אָרט! מע וואַרט, מע הערט דיך.
„רוף אָן דיין אָרט און מאָרגן וועלן גיך
„זיך לאָזן פליִ'ן די ברידערלעך פון פערציק־פערטער
„באַפרייען דיך, באַגעגנען דיך!"...

II

טעג פון האַרבסט פון קלאָרן שיינען,
טעג פון האַרבסט אַף סטעפּן פון אוקראַינע.

אַף די סטעפּן וואָס האָט זיך צעטופּעט?
ס'גייט מיט שלאַכטן די אָדעסער גרופּע.

זיך פאַרזאַמט אַביסל, זיך פאַרזוען, —
איילן זיך קיין צאָפן די אָדעסער.

לינקס דעניקין, און פון רעכטס פעטליורע, —
יאָגן די אָדעסער, ווי אַ שטורעם.

פליִען די אָדעסער, ווי אַ שטורעם.
ס'קלינגט דער סטעפּ, סע הירזשען פערד, סע טראַכקען פורן

די אָדעסער וועט דער פיינט ניט נעמען:
קוילנוואַרפערס אַף די פערד און אַף די קעמלען!

מיט צעברענטע אויגן און מיט פלינקע שאָסן
אין דער שפּיץ גייען באָרוועסע מאַטראָסן!

ס'מוז דער וועג זיין ברייט און פריי און אָפן:
אַף אָדעסער וואַרט דער רויטער צאָפן.

שוין אין צאָפן רויטע פאָלקן אַלע
גרייטן זיך באַנייס דעם פיינט באַפאַלן.

שאַלט דער סטעפּ אין האַרבסטיקע מעסלעסן.
ס'טופּען, ס'קלינגען, ס'פּליען די אָדעסער!

III

זינט אין הענט פון פיינט דער גאַנצער קאַנט שוין איז,
געאַרבעט פון קאַיאָר און ביז קאַיאָר, —
אויסגעמאַטערט פערציק-פינפטערס ראַדיאָ-סטאַנציע
און פאַרפייניקט איר מאָטאָר.

ער שטרענגט זיך אָן, מאָטאָר, און לאָזט ארויס א שטראלעכל,
שוואַך דאָס שטראַלעכל זיך אין לופט צעפליסט.
פון אַנטענאַ פליט אַוועק א קלייניק כוואַליעכל,
און סע וואַרט דער ראַדיאָ-טעלעגראַפיסט:

— „פערציק-פערטע! וואו זי איז און ווי זי איז,
„זאָל זי זיך אָנרופן מיט קלאָרע רייד!
„די אָדעסער פינף און פערציקסטע דיוויזיע
„אין אַרומרינגלונג מיט שלאַכטן גייט!"...

וואַרט די פערציק-פינפטע, וואַרט די קעמפערין,
קוקט אַרויס און ריכט זיך לאַנגע שאָ'ן.
נאָר סע שטומט אין הויך די לופט און קיינע ענטפערן,
קיינע ענטפערן ניט קומען אָן.

IV

אין דער קלוניע ברענט אַ לעמפּעלע מיט קעראָסין.
אַף צוויי וועגעלעך — מאַשין און אַפּאַראַטן.
יונג-אַרמייער, וואָס די ראַדיאָ באַדינט,
באַם זשורנאַל פון אויפנאַם זיצט פאַרמאַטערט.

ס'איז א האַלבע קלוניע אָנגעפּילט מיט ווייך.
ס'איז אַ האַלבע קלוניע פול מיט פינסטער.
צענטער טאָג שוין, אַז מע רופט צערייצט:
— „פערציק פינפטע, וואו זיך איצט געפינסטו?"

נאָר די פערציק פינפטע ענטפערט ניט,
און כוואַליעכלעך אין לופט פאַרפאַלן ווערן.
ראַדיאָ-טעלעגראַפיסטן זיינען מיד,
נאָר זיי הערן, הערן, הערן.

ס'איז אַ פיין דאַך און אַ שרעקלעכע אַזאַ.
צענטער טאָג פון וואַרטן קומט צו אָוונט.
נעבן פאַס בענזין, פון סאַזשע שווארץ,
וואַרט און דרימלט דער נאַטשדיוו דובאָווי.

ראַדיאָ-באַדינער האָרכט און האָרכט,
ס'ציט זיך צענטע נאכט, א לאַנגע, לאַנגע.
פּלוצים: — ש'אַט נאָר!.. רעדט ניט אויס קיין וואָרט!..
„עפּעס... דאַכט זיך... הער איך... ווייטע קלאַנגען!"

— „הערסטו?.. הערסטו?.." — כאַפּט זיך אויף נאַטשדיוו, —
„האָסט געפּאַקט פון וייטן קלאַנגען קלאָרע?"
קאָל דעם אויפנעמערס פאַרטרויערט, שטיל און טיף:
— „מ'הערט ניט... ער איז ווידער שטום געוואָרן..."

אין דער קלוניע — דרימל, פינסטער, שטיל.
אין דער קלוניע קוקט אַריין באַגינען.
אין דער קלוניע אַפן שוואַרצן דיל
ליגן מיד די ראַדיאָ-באַדינער.

פּלוצים: — „ס'איז די פערציק פינפטע דאָ!!..
ס'גיט די פערציק פינפטע עפעס איבער!!"
— „האָסט געפּאַקט זי, האָסט געפּאַקט זי, יאָ?.."
שטייען אַלע אַרום אויפגעעמער פאַרגליווערט.

אין דער קלוניע קוקט אַריין דער עלפטער פרי
און דער אויפנעמער האָט זיך צעשמייכלט:
— „כ'האָב געפּאַקט זי איצטער. אָט איז זי!"...
און ער טייטלט אַף פּאַפּירל, וואָס מיט צייכנס.

האָט מען פריילעך פלי'ן געלאָזן דעם מאָטאָר.
קלאַנגען דייטלעך זיך דערטראָגן הײבן.
רעדט די פערציק-פערטע שטייף און קלאָר:
— „באַם אַפּאַראַט שטייט פערציק-פיר, דובאָווי!"

— „ס'הערט יאַקיר" — קומט באַלד אַן ענטפער אָן.
נאָר דער קלאַנג איז עפעס שלאַף און איז צעוואַקלט.
ס'ווייס ניט פערציק-פינפטע וואָס צו טאָן:
„עפשער ריידן עס די האַידאַמאַקעס?"

פערציק-פיר ווייס אויך ניט: עפשער שטיפט,
שטיפט דער סוינע און מיט שפּיצל דרייט דאָ?
גיט אַ הילך, אַ שריי דובאָווי, דער נאַטשדיוו:
— „ענטפערט גיך, ווי הייסט... ווי הייסט... דער זיידע?"

אין דער קלוניע ברענט אַ לעמפּעלע מיט קעראָסין.
אין דער קלוניע שטייט מען שטילע, שטילע.
ענטפערט קלאָר און דייטלעך פערציק־פינף:
— „ס'הייסט דער זיידע... ס'הייסט דער זיידע... וואָראָשילאָוו".

איז דאָס טאַקע זי דאָך, זי דאָך, זי!
און גאָר ניט ווייט זיך ציען אירע וועגן.
— „ברידערלעך פון פערציק־פינף, מיר פליען
טייקעף, גלייך אַרויס צו אייך אַקעגן!"...

קיין איין רעגע ניט פאַרזאַמט זיך מער.
פריילעך זאָטלט מען די הייסע פערד אָן.
ווער פון פיינט וועט האָזע האָבן, ווער
וועט ניט דערלאָזן פליען די פערציק־פערטע?

V

שאַלט א האַרבסט־טאָג, קלינגט אַ געגנט.
רויטע פאָלקן האָבן זיך באַגעגנט.

רויטע פאָלקן האָבן זיך פאַרזאַמלט:
— „עך, אוקראַינע, עך, אוקראַינע—מאַמע!

„פעלדער דיינע היינט באַם סוינע זיינען.
„פאָרט אַ רויטע וועסטו זיין, אוקראַינע!"...

טעלעגראַמעס

דעם טאַטן — ווער וועט אין דער פרעמד דערקענען אים?
איז קאַלט, איז הונגעריק, איז וויסט, איז גרוי.
האָט אַ בריוו דער טאַטע אָנגעשריבן לעניען:
„— לענין, וויסן זיי: אַזוי און אַזוי,

„אין צווייען זיינען מיר געבליבן נאָך דעניקינען
„אָן אַ שטוב און אָן אַ נאַכטלעגער און אָן אַ העמד,
„איך מיט צאליקן. די טעג פון הונגער שטיקן אינז,
„מיר ק'ענקען אין דער קאַלטער פרעמד.

„לענין, ווי נאָר סע קומט די בריוו צו הענט צו דיינע אָן,
„פאַרשטײ, ווי ס'איז דער בייזער וואונדער גרויס,
„באַפעל אַהערצו באַלד מע זאָל אריינעמען
„דעם קליינעם צאלין אין א קינדער-הויז.

„סע בעט אַן אלטער סטאָליער זיך, א איד א קאַליקע,
„דו וועסט אים ענטפערן, ער ווייסט עס פעסט!..״
אַריינגעוואָרפן האָט די בריוו אין קעסטל צאליקל.
געפלאַמט שוין האָבן דאן אין שטאָט אין פרעמדער פרעסט.

פרעסט מיט שטורעם-ווינטן שטעכיקע געוועלטיקן
און ניטאָ קיין דאַך, ניטאָ קיין בעט, ניטאָ קיין שיך.

אין קאַלטער קאַמער בלאָז און שניידט פון יעדער שפּעלטיק..
אוי, זאָל לענין ענטפער שיקן גיך.

. . . .

דער איספּאָלקאָם באַקומען האָט אַ טעלעגראַם:
„אין שטאָט אין אייערער אַ סטאָליער מיט אַ קינד פאַראַן.
„איספּאָלקאָם! דו זע, דער אַלטער סטאָליער
„באַלד אין שטאָט געפינען ווערן זאָל ער,

„און נעמען זאָל מען באַלד באַ אים דאָס קינד,
„אין קינדער־הויז אַריינעמען געשווינד,
„כאָטש אַלע קינדער־הייזער פול שוין זענען!!"
אַף טעלעגראַם געווען אַ כסימע: „לענין".

דער איספּאָלקאָם האָט זיך אַרומגעיאָגט,
אַרומגעזוכט — און אַפן דריטן טאָג
באַם עק פון שטאָט אַ קאַמערל געפינען,
דעם אַלטן סטאָליאַר, צאַליקן דערינען.

אין דעמזעלבן ווינטער־אפדערנאַכט
דער טאַטע האָט, פאַרמאַטערט און פאַרשמאַכט,
דעם קליינעם צאַליקן אין קינדער־הויז געבראַכט
און האָט געזאָגט — געהערט עס האָבן אלע:
— סע האָט דיך לענין שוין באַוואָרנט, צאַלי —
אין צו דער דיל איז טאַטע אומגעפאַלן,
טויט געפאַלן...

II

אין דער שטאָט דער פרעמדער אין אוקראַינע
אָנגעקומען צוויי וואַגאָנעס מיט ציגיינער.

פון די סטעפּן אונטער שטאָט סאַמאַרע,
מיט צעגלאַנצטע אויגן, לאַנגע, דאַרע.

שוין הונדערט הונגעריקע פּיין-באַטאָגן
דורך הונדערט פרע דע שטעט ארומגעוואגלט.

שטייען זיי אין שטאָט-מיט און זיי פרירן:
—„גיב אונז ריפּטלעך ברויט און גיב א דירע!"

אין די שטאָט דאָך אָרעם און צעוואַלגערט,
קאָן ניט העלפן די ציגיינערס פון דער וואָלגע,

„וואו זאָל מען, ציגיינערס, נעמען שפּייז אייך,
„אז דענקין האט באגאזלט אלע הייזער,

„אז געטאנצט דאָ האָבן ווילדע היידאַמאַקעס,
„אַז די גאַנצע שטאָט גייט הויל און נאַקעט?"

די ציגיינער-קאַפּטע טאַינעט טאַינע אירע:
—„גיב אונז ריפּטלעך ברויט און גיב אַ דירע!"

טאַינעט שטאָט: „אָ, פאָרט אייך, גייט אייך
„ערגעץ אַנדערש, אין אַ שטאָט א צווייטער,

„עפּשער איז די שטאָט די צווייטע זאַטער,
„מיר זיינען פאַראָרעמט און פאַרמאַטערט!..."

שרייט ציגיינער-קאַפּטע, שעלט אין כל פּעט:
— „און ציגיינערלעך? די קינדער וואָס אין טיפעס?!

„ווייטער קליינע קינדער, מיט זיך שלעפּן,
„אַז זיי זאָלן שטאַרבן אף די סטעפּן?!"

האָט די שטאָט באַשלאָסן דעמאָלט אָנצופּרעגן,
אָנצופּרעגן מאָסקווע-הויפּטשטאָט צו זיי מעגן

ציגײַנערלעך פֿאַרפֿרוירענע, צעדולטע
אַרײַנעמען אין קינדער-הײַזער אָנגעפּולטע...

איבער פֿעלדער אין ווײַסן שנייען-אומעט,
טיף באַנאַכט איז ענטפֿער אָנגעקומען:

„איספּאָלקאָם! די קינדער פֿון ציגײַנער
„צעטייל זיי באַלד אין קינדער-הײַזער דײַנע,

„צעטייל זיי באַלד, מעג דונערן, מעג ברענען!"
אויף טעלעגראַם געווען א כסימע: „לענין".

זײַנען דעמאָלט די ציגײַנער אָפּגעפּאָרן,
ניט באַוואוסט — קיין מאַירעוו צי קיין דאָרעם.

ניט באַוואוסט דער סאָף פֿון זייער רייזע.
ציגײַנערלעך פֿאַרבליבן אין די קינדער-הײַזער.

III

עך, קאַלטע קאַמערן... עך, ציגײַנערשע וואַגאָנען!...
אויף די קינדער-הײַזער פּאָכן רויטע פֿאָנען,
פֿון די ווענט אין קינדער-הײַזער קוקט אַ פּאָנעם.

עך, סע קענען עס דאָס פּאָנעם קינדער קליינע.
ס'קוקט: סע לויכטן צאַליק מיט ציגײַנערל איינעם,
ס'קוקט: זיי שפּילן זיך, זיי לאַכן און זיי וויינען.

אין די קינדער-הײַזער וואוינט א וואוילער פֿעטער.
פֿײַפֿט א שטורעם-ווינט און שניידט און שמעטערט —

פון דער וואַנט אַראָפּ מיט אויגן מילדע גלעט ער,
אַלעס ווייסט ער, אַלעס קאָן ער, אַלעס זעט ער...

IV

איז אין שטאָט אַ גאָרטן דאָ אַ גרייזער,
דעם גאָרטן האָט געפלאַנצט אַמאָל אַ רייכער פּאָרעץ.
היינט פירט צום גאָרטן גאַס פון קינדער־הייזער,
היינט שפּילן זיך אין גאָרטן קינדער קלאָרע.

קינדער קלאָרע, פריילעכע שוואַרצאַפּלען,
אידעלעך, ציגיינערלעך, קאַצאַפּלעך.

אַז ס'ווערט פריי דער ליכטיקער אינדרויסן —
אינם גאָרטן לויפן זיי און רוישן.

וועלן ווייען, וועלן בלאָזן ווינטלעך לינדע
אינם גאָרטן אַף די קליינע קינדער.

וועלן קומען גרויסע, קלאָרע פרילינגן
אינם גאָרטן גלעטן צאַלי שטילינקן.

וועלן קומען יאָרן פיינע, פיינערע
אינם גאָרטן קושן קינד־ציגיינערל...

פון די ווענט אין קינדער־הייזער שיינט אַ פּאָנעם.
אַף די קינדער־הייזער פּאָכן רויטע פאָנען.

זאנגען

...וואוהין דו זאָלסט ניט קומען — צו זעען און צו הערן
סע הילכן קינדער פרישע, סע זינגען פּיאָנערן.

פּרואוו צו פעלדער-שטרעקע גיב אַ שריי:
— גרייט זיי!

פון אַלע עקן און פון אַלע ענדן:
— גרייט שטענדיק!

אָט אַזוי נאָך האָגל און נאָך פייער
אַף פעלדער-שטרעקע וואקסן זאַנגען נייע.

I

אין אפדערנאַכט באַ יאַם אַף וועג צו טאָל לימענער*
שפּאַנט מיט מיר דאָס פּאַסטעכל, שפּאַנט די טשערעדע.
ער פרעגט צי טאַקע קיילעכיק די ערד איז
און צי סע איז טאַקע געשטאָרבן לענין.

איך זאָג, אַז ערד איז קיילעכדיק, אַז לענין איז געשטאָרבן,
אַז איך אַליין צוריק ערשט מיט אַ יאָר בין
אין ווייטער צאָפּן-שטאָט, מיט רייען לאַנגע,
צו לענינען אין זאַל אַריינגעגאַנגען,
געגאַנגען פון טרעפּ אַף טרעפּ, פון גאָרנדל צו גאָרן,

* אין קרים.

געקומען ביז דער שיין, געקומען ביזן אָרן,
געטאָן א נויג זיך און אַוועק מיט רייען
אין צאָפן־שטאָט, אין פראָסט און שנייען...

אַף יאָם צעפלאַטערטן — אַלץ טונקלער. ווערט דאָרט.
אַף יאָם צעפלאַטערטן פאַלט מילדער אָוונט.
דערציילט מיר אַפן וועג דאָס פאַסטעכל פון טשערדע,
אז בא די פעלזן מיידל איז באַגראָבן.
דאָרט, וואו פעלזן אין פארצייטיקע כאָאָסן
מיטן יאָם אָן אויפהער ריידן,
דאָרט האָט מען די לערערקע פון דאָרף צעשאָסן,
דאָרט באַגראָבן זי, דאָס מיידל.

אַזוי ווי ס'גייען שטילינקע שעפעלעך
אַפן וועג קיין לימען מיט געבויגענע קעפעלעך
און אַזוי ווי מילדער אָוונט אנלאַסטיקער
פאַלט אַף מיר און פאַלט אַף פאסטעכל —

דערצייל איך דעם פאַסטוכל, אַז אונטער זאַוואָדן
און אונטער פעלדער — קרישטאָלענע פאָדעם,
ציען זיך פאָדעם, קומען זיי.
אין צאָפן־שטאָט, צום מאַוזאָליי,
פאַרקניפּן מיט רויטסטן פון אַלע רויטע
אַלע לערערקעס, וואָס מ'האָט געטויט זיי
אין רויטער שלאַכט מיט ביקס און שווערדן...

שווייגט דאָס פאַסטעכל. שווייגט די טשערעדע.
יאָם צעפלאַטערטער אָטעמט פריי
און פאסטעכלס אויגן, ווייט געווענדעט,
ס'זאָל א הילך טאָן: — „גרייט זיי!"...
—„גרייט זיי!" — „גרייט שטענדיק!.."

II

און זון איז הויך, און האַרץ איז וואַרעם,
אַז מיר קומען אינם דאָרף באידאַרי*.

אלטע טאַטערן אין קאָלירטע פלודערן
רויכערן אין ליולקעס שאַרפן טוטין.
שטייען און קוקן, ווי קינדער צערודערן
הילצערנע הוידעלקע און זיי פליען.

לויפן טאַטערלעך צו אויטאָמאָבילכל,
רינגלען טאַטערלעך אַרום דאָס שפּילכל,
און אַלע גראַגערן און אַלע פּילדערן.
כאַפּ דעם שוואַרצן, כאַפּ דעם ווילדערן,
כאַפּ אים אָן בא ווילדע האָר
און גיב צום הימל אים אַ וואָרף!...

ס'איילט דער מאַמעס אינגל צאַרטינקער,
ס'יאָגט דער מאַמעס גילדן גליק.
זי ווישט אים ס'פּענעמל מיטן פאַרטעכל,
קוקט אַף אים אַרויס פון ליק.

ווי זי שמייכלט, ווי זי דויטלט זיך,
ווי סע איז איר פּאָנעם קלאָר:
ס'פּליט איר טאַטערל אַף דער הוידעלקע
מיט די טאַטערלעך פון דאָרף!

---

*) צווישן יאַלטע און סעוואַסטאָפּאָל.

פליען מיר מיט כּעוורע, אַף הוידעלקע פליען מיר.
און אַף טויזנט מייל אַרום
אין די הויכן גייט די קרימער,
גייט די קרימער זון.

און פון יעדער פעלז, פון יעדער וואנט
מיט פּאָנעם צו צעשפּילטע וייטן —
אויסגעשטרעקט האָט ער די האַנט,
דער אָנפירער פון לאַנד באַנייטן,
און מיט פינגער טייט ער.

פליט אַף הוידעלקע שיין לעבּעדיק,
זינגט אַף הוידעלקע כוידעש מאי.
וואכט דער אָנפירער, שמייכלט לעניך,
שאַלט דער אויפרוף: — גרייט זיי!...
— גרייט זיי!... — גרייט שטענדיק!...

אַזוי, אַזוי נאָך פלאַם און נאָך גערעאנגל
אף פעלדער-שטרעקע גייען אויף די זאַנגען.

שלאכט באַ מאכנאווקע

I

מאַכנאָווקע — דאָרף אין דער טאָל־טיף. און בערגעלעך הויכע
אַרום און אַרום. און די זון שוין אין מאַירעוו פארזינקט.
און די שלאכט האט אַף צענדליקער מייל זיך צעהילכט און צע־
רויכערט.
און דער פיינט האט די רויטע פארקלעמט מיט אַ אייזערנעם רינג

דער פיינט — דער געקעכלטער פּאָרעץ — האט פּאָלקן געדונגען,
האט אָפּגעקויפט פריינט — גאַליציאַנער. פריינט האבן געפעלשט.
אַף פעלד אַף צעשפרייטן, אַף רויטע פארקלעמטע, אין אָוונט ניט
גרינגן
גייט אויף אין הויכן לעוואָנע מיט פּאָנעם מיט געלס.

און סע רוקט זיך, סע יאָגט זיך, סע נענט זיך בייזוואונדעריש
הודען,
און ליכטיקער אָוונט אַף פעלד זיך מיט קוילן צעקלינגט,
וועט געקעלכטער פאריך אין נאַכט אַרום מאַכנאָווקע פראַווען לע־
בענדיקע סודע?
וועט די מאַכנעס די רויטע דערוואַרגן דער אייזערנער רינג?

אַרום און אַרום אַפן פעלד האָט אָנגעשפּיצט פיינט באַיאָנעטן,
און ער קנאַלט מיט קאַנאָנעס, איז מיט אָנפּאַל רעציכישן נאָנט

וועט געקלעכטער פּאַרעץ אין נאַכט אַרום מאַכנאָווקע טאַנצן און
שפּעטן
פון געהאַנגענע רויטע, פון געפאַנגענער פאָן?

סע רוקט זיך, סע נענט זיך, סע רייסט און סע שמיצט און סע
דונערט.
פון זיג און פון רויב און פון פרייד איז שוין שיקער דער פיינט.
ברידער פון פּאָלק טאַראַשטשאַנער, ברידער באָהונער!
וואָס וועט עס, וואָס וועט עס געשעען דאָ היינט?

II

און דער סוינע — דאָס איז דער פּאָרעץ,
"אַס אין גאַנצן ברייטן לאַנד,
איבער וועלדער, איבער פעלדער גאָרע
האָט געהערשט זיין האַנט.

און דער סוינע וויל דאָך הייס באַצאָלן,
ווייל מיט רויטע טעג און נעכט
האָבן זיך אין ברייטן לאַנד צעכאָלעמט
אַלע זיינע קנעכט.

און דער סוינע, אַז ער נעמט געפאַנגען,
ז'דאָך זיין לוין און גאָב —
אויפגעהאַנגען אַף די הויכע שטאַנגען
מיט צעבראָקטן קאָפּ אַראָפּ.

פאַר זיין, פּאָרעצס, גרויסן, ווילדן ווייטעק
פאַר זיין, פּאָרעצס, דולער שאַנד,
פאַר די פאָנען, פאַר די פריי־צעווייטע
אינם גאָרן פרייען לאַנד...

סוינעס מאַכנעס נאָנט שוין, נאָנט שוין שפּאַנען,
און געפּענטעט איז דאס אָרט !...
ברידערלעך באַהונער, ברידער טאַראַשטשאַנער ?
וואָס וועט היינט געשען דאָ ?

III

פון פעלדער-פלאַך דעם ברייטן, הוילן
פליען, פייפן, שניידן סוינעס קוילן.
קעגן געלן פאָנעם פון לעוואָנע
שטעלן רויטע אויס זיך אין קאָלאָנעס.

רינג-אַרום. קיין ברירע ניט פאַראַן דאָ.
„דורכרייסן דעם סוינע״! — הילכט קאָמאַנדע.
ניט קיין רו, קיין שלאָף היינט, ברידער מאַטע!
„דורכרייסן!״ — באַפעלט דער כאַווער קוויאַטעק.

אין די קייטן, אין די ווייטעק-יאָרן
כאַווער קוויאַטעק האָט געשמידט דעם צאָרן.
וועלן ניט פאַרפלעקן יונגע רייטער-איֵרע
כאַוועך קוויאַטעקס שווערד — פּיין סיבירער.

פאָנען פריי-צעווייטע, רויטן קרעמל
וועלן טאַראַשטשאַנער ניט פאַרשעמען!
מיט געפרעסטן צאָרן, שטייפער האָזע
אַפן סוינע וועלן זיך באַהונער לאָזן!...

ווי אַ וויכער יאָגן הייס-פאַרשייטע,
פליען אָן דעם סוינעס ווילדע רייטער.
ניט דערלעבן וועט ער אונזער כאַרפּע!
דורכשניידן די קלעם, דעם רינג דעם שאַרפן!

אַף די פּריצים, אַף די סאָנים אַף די זאַטע
יאָגט פונפאָרנט אונזער כאַוועך קוויאַטעק!...
אַפן פעלדער-פלאַך צעשפּילן זיך די קוילן.
אַפן פעלדער-פלאַך — געהילך און מענטשן-קוילן.

ס׳יאָגן זיך די רויטע און זיי שרייען,
יאָגן זיך און פליען אַפן פייער,
פליען אימפּעטיק, לעבענדיקע אַזוינע
אַף די שטייפע שוץ-גראָבנס דעם סוינעס.

— „ניט געריכט האסטו זיך, פּאָרעץ-שויטע,
אַז אַזוי טון וועלן מאַכנעס רויטע?!
פון די שוץ-גראָבנס צוריק זיך קערסטו?!
לאָזט פאר רויטע איבער גראָבנס ערשטע?!“

אַפן פעלדער-פלאַך — געשרייען, קרעכצן, רופן.
אַפן פעלדער-פלאַך — צעוואַלגערט טויטע גופן.
האָבן טאַראשטשאַנער עפּעס אָנצואווערן?
פון די שוץ-גראָבנס אַרויס, לעגיאָנערן!

ווייסן די באָהונער דען אַן אַנדער אויפן?
פון די שוץ-גראָבנס לאָזט, פּריצימלעך, זיך לויפן!...
ס׳האט דער אָנפאַל זיי געטראָפן פלוצים —
בלייבן פּריצים אין די גראָבנס אין די טוצן.

הענט צעשטרעקן אָפּיצערעלעך דעם סוינעס,
וויינען, בעטן, אַז מע זאָל זיי שוינען...
אין געמיש פון רויש, געלויף און מייסעם
נעמט זיך ערשט צעפלאַקערן די שלאַכט די הייסע.

פאַר די פּאָנעז, פאַרן רויטן קרעמל
דאַרף מען רייען דריי פון גראָבנס נעמען!
פּריצימלעך צו ט אויף, וואַרט צו, ניט-פּרייט זיך!
די באָהונער פליען צו צו ריי צו צווייטער!

דאָרט, וואו רעלס פון אייזנבאַן צעשטראַלטע,
צווישן סאָסנעס האט דער סוינע זיך באהאלטן.
מיט די שפּיזן, מיט די קילע באַיאָנעטן
דאַרף מען דאָרט דעם קאָפּ דעם סוינע פּלעטן!

איז די צווייטע ריי גענומען — היט זיך!
טאַראַשטשאַנער פליִען אַף ריי אַף דריטער!
איז דער פעלדער-פלאַך באַשיינט מיט העלע בליצן,
סע אַנטלויפן ווילד און דול די פּריצים.

זינגען די באָהונער שטאַרקער, יונגער, העכער, —
ס'איז דעם סוינעס שטייפער רינג צעלעכערט!
איבער פעלדער, לעבן דערפער, לעבן שייערס
האט זיך אויסגעצויגן וועג אַ פראנק-און-פרייער!

IV

מאַכנאָווקע — דאָרף אין דער טאָל-טיף. און דער פיינט איז אַנטלאָפן.
און אַ דורכגאנג איז דאָ. האט רויטע אַרמיי
ווי מע גייט און מע שטייט אַרום דאָרף זיך אויסגעלייגט שלאָפן.
אַף אַ שאָ, אַף צוויי.

מיט האַק און מיט פּאַק און מיט שאַנד איז דער פּאָרעץ אַנטרינען.
איז מונטער דער שלאָף ביזן וועג, ביזן רוף

פון ברידער, פון וואַכלייט אין שאָען פון קילן באַגינען:
— „שטייט אויף! שטייט אויף!

„גרייט זיך צו וועגן צו נייע! גיך און לעבעדיק!
וואַכע און שטייפע און מונטערע דארפן מיר זיין!
ס'ווארטן נאָך מיילן און מיילן! און ס'איז נאָך די שלאכט ניט געענדיקט!

און ס'דראָט נאָך דער פיינט!"

ל ו י ן

וי אזוי זי געגאַן איז אין העמדל אין גרינגן, מיין יוגנט,
איז זי געגאַן אויך באַגלייטן די זעלנערשע צוגן.

אין מיטן אַ זומער, אין דערפעלעך, שטעטלעך ניט כאַסענעס-
כופּעס.
אין מיטן א זומער, אין דערפעלעך, שטעטלעך — בלעטלעך
אף סלופּעס.

בלעטלעך אף סלופּעס די דערפער, די שטעטעלעך רופן:
גיט אונז אין פייער צ׳ין גרויסן די קינדערשע גופים!..

איז מיין יוגנט מיט העמדל מיט גרינגן געשטאַנען אין ווייבער-
געיאָמער,
געקושט זיך, געזעגנט מיט אלע, וואָס גיין אף מילכאָמע.

געהאָנגען אין צוג-פענסטער פענעמער גליווערדיק שטומע,
האָט מיין יוגנט מיט אַלע צו אַלע געשריגן: קערט אום זיך!
קערט אום זיך!..

זיי האָבן זיך אומגעקערט. שפּעטער, מיט יאָרן ערשט, שפּעטער
און כ׳האָב זיי געזעען פֿאַרפּלייצן דעם לאַנדישן שעטעך

און כ׳האָב זיי געזעען אין מאַכנעס, אַן צוימען, אָן פּלויטן
און כ׳האָב זיי געזעען אין נייע, אין מוירדישע טויטן.

זיי האָבן זיך אומגעקערט, פרייע און העפקער-צעברויזטע.
אין שטעט האָט געדונערט פון זייערע מעכטיקע פויסטן.

זיי האָבן זיך אומגעקערט: — „ברידערלעך, אייגענע, לאָמיר
באַלוינען ווי ס׳קומט און ווי מ׳דאַרף פאַר א גרויסער מילכאָמע!"

און האָבן צעלאָזט זיך, צעיאָגט זיך מיט קרעפטיקע רוישן:
— לוין פאַר אַ גרויסער מילכאָמע — אן אויפשטאַנד א גרויסן!

1905

א

צווישן וואַלד און וואַלד, אַף לאָנקע, אין מיין זוניקער האַפּסאָקע,
אין מיין האַפּסאָקע און האַפּסאָקע פון א ערד
פאַר נאכאַמאָל און נאָכאַמאָל באַלאַגערן די שטאָקן,
פאַר אָנפליען און איינעמען מיט איין באַגער,
מיין געמיט, וואָס ציטערט נאָך, צו לידער רופּסטו,
יאָר פון טכילעס, וויגל־יאָר פון אונזער אופשטאַנד!

ס'איז די האַפּסאָקע לייכט און האָט מאַיאָנטקעס לידער
און פאַר דער לאָנקע — וואלד און נאָך דער לאָנקע — וואַלד
און דו ביסט דאָך דער קוואל און דו־דו ביסט דער פרי דאָך
און אין די וועלדער שווינדלט דיין געשטאַלט,
רויש, אין וועלכן ס'פלעג מיין קינדהייט - שטוב שטיין,
יאָר פון טכילעס, וויגל־יאָר פון אונזער אופשטאַנד!

מיט קינדערש אויג געגאַנגען אַף מאַרקן צווישן פורן,
מיט אויער קינדערשן האָב איך זיך איינגעהערט:
סע ריידן דיינע באַכורים, אַז דורך אַ שטורעם
די גרויסע ערד וועט ווערן אויסגעקערט, —
זיי שיינען, רייד, און זינען-ווינקעלעך, געהיט פאַרשטופּטע,
יאָר פון טכילעס, וויגל-יאָר פון אונזער אופשטאַנד!

און די האַפּסאָקע קלינגט מיט וואוילע באַכורים פּאַטלאַטע!
מיט איינשטעל היציקן, מיט פיבערדיקן שפּרונג,
מיט ערשטער רויטער פאָן אין מיידל-הענט צעפלאַטערט,
מיט ערשטן פריי-צעבונטעוועטן יונג
אין מיין האַפּסאָקע, ערד-האַפּסאָקע רופּסטו,
יאָר פון טכילעס, וויגל-יאָר פון אונזער אופשטאַנד!

ב

קליינינקער, אין גאָרטן, אַף דער הוידעלקע.
אַף מיין גאַס און בײַ מיין שטיבל — ציטעריקע פרייד.
פלוצים — פלוצים — ס'איז אַף ברוק די פאָן די רויטע דא.
פלוצים — פלוצים — ליכט און טראָט פון מאַכנע און טרומייט.

שוועסטער, נעם מיך, פיר מיך בײַ דעם הענטעלע.
שוועסטער, פון די קלאָרע טייכן גייען זיי.
שוועסטער, ס'גלאנצט דאָרט פאָן, צו הויך געווענדעטע.
שוועסטער, קום, אָ, קום אַריין אין ריי.

פון די ליקן קומט אַ צענדלינג, קומט א מייע-צו.
איבער ליקן — פלאַקערט, פלאַטערט רויטער אָס.
מאַכנע העלע אונטער פאָנען פריי-צעווייעטע.
ביזן רייטער, ביזן אָנפאַל, ביזן ווילדן שאָס.

דעמאָלט קומט אַף פלויטן פלאַם מיט מוירע אָן.
דעמאָלט לעכערט פאָן און הארץ מיינס — ביקסן-שרויט...
יאָרן מיינע, דעמאָלט רויט-געבוירענע,
שפּעטער, שפּעטער האָבן זיך צעפּייערט רויט.

וואָס האָט איר געבראַכט אַהער?

פון דער נעסיע אַרום דער ערד
געקומען איז יענער, געקומען איז דער.

פון דער נעסיע אַרום דער ערד
וואָס האָט איר, פריינט, געבראַכט אהער?

וואָס האָט איר געזען, וואָס האָט איר געהערט
אין דער נעסיע אַרום דער ערד?

אן אייך געבליבן איימיק-אַליין
מיר האָבן געבענקט, מיר האָבן געדענקט:

אַף יענער זייט טייכן, אַף יענער זייט יאַם
אַ פריינט, א פריינט און א פריינט פאַראַן.

קלויבן זיי, וועלן זיי ברענגען צו אונז
אַזויפיל שמייכל, אַזויפיל זון.

טייערע, ליבינקע, פון לאַנד און פון שליאַך
וואָס האָט איר אַהערצו מיטגעבראכט?

ריידן זיי, זאָגן זיי: — אַזוי און אַזוי.
געגעסן, געזאפן, געשלאָפן מיט פרוי,

פאַרסאָפּעט געלאָפּן אַזוי ברייט, אַזוי לאַנג,
ביזקל געבליבן שלינג און שלאַנג.

פיינע רעק און איידעלע מאַנישקעס,
זיידענע העמדער און זאַטע פּיסקעס,

און ליידיקייט אַסאַך און ווערטעלעך אַסאַך
האָבן מיר אַהערצו מיטגעבראַכט".

— האָט איר געזען, ווי ס'כאָלעמט גוף,
ווי ס'כאָלעמט האַרץ, אַז זון גייט אויף?

האָט איר געהערט דעם רויש פון דאָר
אַף די אַספאַלטן פון שטאָט ניו-יאָרק?

האָט איר געזען ווי אויגן גלי'ן
אין שטאָט פּאַריזש, אין שטאָט בערלין?

האָט איר געהערט, ווי אויפשטאַנד שפּאַנט
אין דאָרעם-לאַנד, אין מיזרעך-לאַנד?

ריידן זיי, זאָגן זיי. צעזייט און צעווייט,
זאָגן זיי, ריידן זיי. נישטיקע רייד.

פלאַפּלען זיי, פּילדערן. ליידיקער ראש.
אויסגעהוילט און דורכגעפוילט און פּוסט און פּאַס...

טוט מיר אַזוי וויי. טוט מיר אַזוי באַנק
וואָס זיי קומען שלינג און שלאַנג.

טוט מיר אַזוי וויי, טוט מיר אַזוי באַנק.
א טאָג און אַ צווייטן ליג איך קראַנק.

אַ טאָג און אַ צווייטן די פּיין מיך וואַרגט.
שטיי איך אַפּן דריטן אויף געזונט און שטאַרק.

שלינג און שלאנג קערן זיי זיך אום.
אַף די גאָרע ווייטן אַ יאם מיט זון.

רוסלאנד! היימלאַנד! רויטע פאָן!
רוסלאַנד! היימלאנד! וואונדער-האָריזאָנט!

שלינג און שלאַנג... וואָס זיינען זיי דערוועדט?
מיט טאָג מיט יעדערן מער און מער
גרויס די ערד, פול די ערד!
רוסלאַנד! היימלאנד! רויטע פאָן!
רוסלאַנד! היימלאַנד! וואונדער-האָריזאָנט!

פון וועלעכן קאַנט און פון וועלעכער שטאָט,
יונגער מאַטראָס פונם באַלטישן פלאָט?

א קיילעכדיק היטל מיט סטענגעס אף אים:
„באַלטישער פלאָט, אונטערוואַסערן-שווים".

ר׳געדענקט שוין אַליין ניט זיין שטאָט און זיין שטאַם.
ער פאָרט קיין קראָנשטאַט צו זיין שיף אפן יאַם.

אַ טאָג און אַ נאַכט, אַז סע שלעפּט אונז „מאַקסים".
א טאָג און אַ נאכט, אַז מיר זינגען מיט אים.

אַף פעלדער אַף טונקעלע שמעקט שוין מיט שניי.
אַף פעלדער אף טונקעלע ר׳גיט אַ געשריי.

אף פעלדער אף טונקעלע גיט ער א קוויטש, —
פריילעכע מונטערקייט, באָכערשע היץ,

פריילעכע מונטערקייט, מוירדישע קראַפט:
— ערד, איך צעשטער דיך און ווידער באשאַף!..

פויל גיט „מאַקסימקע" א סקריפּ נאָך אַ סקריפּ...
דערציילט ער מיר מאיסעס פון יאַמישער טיף.

ביז אַנקום קיין מאָסקווע נאָך ווערסטן אסאַך —
דערציילט ער מיר מאַיסעס פון ברידער אין שלאכט.

אַ פייף און אַ פּאַטש זיך אין קניעס: — אָ — וואַ,
אין טויזנטער ליגט אף די פעלדער בראַטוואַ!..

„אווראראַ" געטאָן האָט א קנאַל פון נעווא, —
אַוועק איז אף פעלדער זיך שלאָגן בראַטווא!...

אין פייף און אין רייד זיינע הער איך דעם ראַש,
דעם גרויזאַמען ראַש באַ דעם שטורמען סיוואַש.

אין רייד זיינע הער איך דעם פּאַדער פון פּאָן:
„דערלאַנג אונז סיביר און דערלאַנג אונז דעם דאָן!...

כאָטש אַ מיסע-מעשונע, כאָטש שפּרינג פון דער הויט, —
דאָס לאַנה מוז זיין אונזערס, דאָס לאַנד מוז זיין רויט!"

פון רייד און פון פּאָנעם מאַטראָסישן ווייט
מיט יאַמישער טיף און מיט יאַמישער ברייט.

און ס'קלינגען ווי מאַיסעס פון טויזנט-איין-נאַכט
מאַטראָסישע מאַיסעס פון ברידער אין שלאַכט...

שלעפּט אונז „מאַקסימקע" און פּאָרט און דערפּאָרט.
באַם אָנקום קיין מאָסקווע א גרויער קאַיאר.

די גאַסן און פּלעצער — אין קילן באַגין.
באַ געסל פּאַרנעפּלטס איך שייד זיך מיט אים.

— „געזונט בלייב, בראַטישקע, דו גריס דאָרט קראָנשטאַט,
דו גריס יעדער שיף דאָרט און גריס יעדן יאַט".

— „בראַטישקע, פאַרגעס ניט. דו שרייב אָן א בריוו.
קום זומער צו פאָרן צו אונז אף דער שיף.

וואוילע בראטווא אַף דער שיף דאָרט פאַראַן.
מיר וועלן דיר ווייזן דעם באַלטישן יאם...״

פון ראָג מיט דער האַנט נאָך אַ פאָכע מיר: — היי,
געזונט בלייב, בראטישקא!... — א קוויטש, א געשריי,

פריילעכע מונטערקייט, מוידישע קראַפט:
— ערד, איך צעשטער דיך און ווידער באַשאַף!...

ערשטער מאַי

מ׳האָט די קינדער פאַרזאַמלט באַם סקווער. ס׳זיינען קינדער געגאַן
מיט מוזיק
פון דער שטאָט פון דער אלטער, פון דער שטאָט פון דער נייער,
פון יענער זייט בריק.

אין העמדלעך אין בלויע פון היפּן פון שווארצע אין נידער
פון שטאָט
איז אין שטאָלענע מאַכנעס געקומען צוגיין דער מעטאלן-
זאַוואָד.

אין העמדלעך אין ווייסע, מיט קווייטן אף העמדלעך, מיט
פריילעכן בליק
זיינען געקומען די מיידלעך די יונגע פון טאבאַק-פאַבריק.

האָבן קינדער געלאַכט, האָבן מיידלעך געלאכט, האָט די
מאַי-זון געוואַרעמט
זיינען די רויטע ארמייער געקומען צוגיין פון דער ווייטער
קאַזאַרמע

מיט דער פלאַם-רויטער פאָן, מיט דעם הילכיקן פּויק,
מיט דעם גרויסן טרומייט.
האָט די שטאָט זיך אין רויטן געוויגט, זיך מיט פרי-שיין
געפרייט.

האָט מיט בליאונג מיט פרישער געבלאָזן, געאָטעמט פון פעלד.
האָבן זיך קלייניקע קינדער אין סאַמע פונ-פאָרנט געשטעלט.

און דערנאָך די פאַבריק, און דערנאך דער זאַוואָד, אין א
ריי נאָך א ריי —
מ׳איז צום גאָרטן צום טיפן אַוועק, צו די טייכן די צוויי.

אַף טייכן אַף קלאָרע, אין גאָרטן געדיכטן, אין זוניקער טיף
איך האב זיך מיט קלייניקע קינדער אַף שיפלעך געשיפט.

אַ העל-טאָג א יאָנטעוודיק גרויסן, ביז זון איז אין מאַירעוו
פארגאן,
האָט גאָרטן געציטערט, האָט גאָרטן געקלונגען מיט אונזער
געזאַנג.

אַ העל-טאָג א ליכטיקן-גרויסן וואוהין נאָר א ווענד און וואוהין
נאר אַ קער
די קוויט די צעפלאמטע, דאָס קינד דאָס צעשפּילטע, דער האַמער,
דער סערפּ.

איז דיר, כאַוועו, אויסגעקומען ווען ס׳ניט איז
ארויסגיין אין א נאַכט-פעלד פון א שנעלן צוג
און געבן פאַר דער ראַכוועס זיך א בוק
און זאָגן שטיל: געבענטשט זיי, ריז!

געבענטשט, אוקראַינע, זיי, געבענטשט זיי, רייסן,
געבענשט זיי, לאַנד, פון שווארצן יאַם ביז ווייסן,
געבענטשט זיי, איין-און-איינציק לאַנד,
פון דניעפּער-טייך ביז גרויסן אָקעאַן...

מיר האָבן קינדערלעך — לוסטיקע שעפּעלעך.
אונזער שטרעקע איז פאַר זייערע קעפּעלעך.
פונם ערשטן זונען-שטראַל און פון העט-פרי
קלינגט אף פעלדער-ברייט די גרויסע מי.

וואו א אישעוול און וואו א שטאָט
מיט רויך, מיט קנויליקן, הויכט זאַוואָד.
ניטאָ, ניטאָ באַ אונז קיין האָריזאָנט,
וואָס זאָל ניט קענען די רויטע פאָן!...

האָסטו, כאַוועו, זיך אמאָל פארקלערט,
ווען ס׳ניט איז, אין א פעלדער-נאכט,
קעגן שטערן-הויך, אין א מיטן-שליאַך:
וואָס באַגערן מיר פון מאַמע-ערד?

אַז די ערד איז שוין אַזאַ מין זקיינע
און דו רעס — דו׳רעס — לאַנג אַזאַ ניט ריינע,
האָט זיך אויפגעכאַפּט דער יונגער אייניק:
זאָל זי ווערן ריין און זאָל זי ווערן יונג —

און אויב זי בלוט שוין מאָנט און אויב זי בלוט שוין טרינקט,
איז זאָל זי טרינקען נאָך, איז זאָל זי טרינקען מער,
נאָר יונג זאָל ווערן ערד, נאָר ריין זאָל ווערן ערד!..

האָבן מיר דאָך, כאַוורער, אָנגעהויבן
מיט אַזאַ מין ברען, מיט אַזאַ מין גלויבן,
טראַך-טאַ-ראַ-ראַך, טראַך-טאַ-ראַ-ראַך —
זיינען מיר אוועקגעגאַן אין אונזער שלאַכט.

וואו א שטעגעלע, וואו א יאַר,
ליגט א בערגעלע, ליגט א בארג,
ליגט א שוועסטער דאָרט, ליגט א ברודער דאָרט.
אין טעג אין פלאַמיקע, אין טעג צערודערטע.
מיר האָבן זיי אוועקגעשענקט.
און מיר אליין? און מיר אליין?

אָפּגערוט א צייט פון שלאַכטן אויסגעהויערע
האָבן מיר דערווייל געגומען בויען מויערן.
דו האָסט אויסגערוט? איך האָב אויסגערוט?..
נו, איז גוט, טאַקע זייער גוט.

ס׳טרומייטעט שוין די גאַס,
מע קלאַפּט אין אונזער וואוינונג:
מיט אויפגעוואַכטן קאַעס
גייט אויף אף אונז דער סוינע!

ס'ע טרייסלט אונזער הויז
דאָס הילכן פון די גלאָקן:
ס'ע לאָזט, ס'ע לאָזט זיך אויס
די קורצינקע האפּסאָקע!

וועסטו, כאַווער, דאָך ארויסגיין מיט מיר
אף גרויסן שליאַך אין מיטאָג — העל
און זאָגן צו דעם ברייטן פעלד:
מיר זיינען דיינע פונקט ווי פריר!

מיר האָבן ניט געוואוסט קיין פיבער און קיין פאָרכט.
מיר האָבן שוין געשאָנקען, מיר וועלן שענקען נאָך.
אונזער ליבשאפט דויערט, אונזער טריישאַפט בלייבט.
מירן דיך באשיצן מיטן אייגן לייב.

מיר האָבן דיך געכאָוועט, מיר האָבן דיך געבויט,
וועלן מיר ניט רוען: — טויט אָדער רויט!..

אינהאַלט

זייט

I

אין די טיפן פון די זומערס 7
וויל זי אַוועקפליען 8
אַזאַ ליבשאַפט, פאָטערלאנד ! 10
ליוואדיע 13
איז וואָס געדענקט די יונגקייט מיינ׳ע 15
סע ווערט ניט נימעס 17
די צייט אין שטאָט געשטילט 18
צו די פריערדיקע קניען 19
אין שאָ אין שטאָטישער 21
זיילן-לויף און בוימער-בויג 22
ווייל דאָס לייב פון פאַרנאַכט 24
נאנא מיך ציט 25
נאנא איז אף פיסלעך אף פלינקע 28
לעבעדיקע טעג די ווייסע ברוסט פאַרברייטערן 30
שטייגער 32
יעסענינען : א) פאר דיין לעבן 36
ב) האָט דיין זון דיין אייביקע 38
מאָסקווע : א) געדענק א בריק 39
ב) און מיר זייגען דאָך אין קרעפטיקייט 41
ג) אז פאָרט מיין אויג אַלץ מער 43
אין אָט דעם פרי 45
אַזוי פון זיך אַמאָליקן 46
שיקט זי, קלאפט זי טעלעגראַמעס 47
ס׳וועט זיין באַ מיר מיט דיר אַ שלאַכט 48
אַ בוים וואַקסט אויס 50

זייט

נאָך א מיעסער ליאמע 51
אינגלשקייט און פרילינג 53
קרים: א) איבער ווייסע דירעס 57
ב) און זעען זעט מען ווייט 59
ג) מיר שניידן דורך דעם האַלבאינזל 61
פרישע קלאָרע פרי-שיין 62
דאָס געזאַנג פון מילדן לאנד: א) היינט איז א שיינער פרי 64
ב) פארוואָס, מאַדאַם 67
ס'איז שוין אַ נייע היים 71
אין דער הויפט-שטאָט 73
צי דער הויכריידער שרייט 77

II

באַם דניעפּר 81
44 און 45 88
טעלעגראַמעס 94
זאַנגען 99
שלאַכט בא מאַכנאָווקע 103
לוין 109
1905: א) צווישן וואלד און וואַלד 111
ב) קליינינקער, אין גאָרטן 113
וואָס האָט איר געבראַכט אַהער? 114
פון וועלכן קאַנט און פון וועלכער שטאָט 117
ערשטער מאַי 120
איז דיר, כאַוועֶר, אויסגעקומען ווען ס'ביט איז 122

בּיכער פונם זעלבן אַווטאָר

1. אָטעם (לידער). פאַרלאַג „קולטור-ליגע“. קיעוו, 1922.

2. לידער. פאַרלאַג „קולטור-ליגע“. קיעוו, 1925.

3. גאַלאָפּ (דערציילונג). פאַרלאַג „קולטור-ליגע“. קיעוו, 1926.